בעזהשי"ת

חודש ניסן תשע"א לפ"ק

# היכל המתיבתא




## 'מים שלנו' פון אנהויב ווינטער...

מען דערציילט אויפ'ן הייליגן רבי מאיר'ל מקרעטשניף זי"ע, אז ער האט פארשטאנען צו די אומן הכתיבה וויאזוי צו שרייבן כתב אשורית, און ער האט אליינס געשריבן עטליכע יריעות אין זיין אייגענעם ספר תורה בכתב יד קדשו, און אזוי אויך זיינע אייגענע תפילין, פארשטייט זיך מיט זיינע גרויסע הייליגע כוונות.

איז אים אמאל איינגעפאלן אז אנשטאט אריינצוגיסן סתם וואסער אין די טינט און אזוי שרייבן די פרשיות התפילין, וועט ער אריינגיסן דערין די שיריים פון 'מים שלנו' וואס בלייבט אים איבער פון מצות באקן, האבנדיג דערמיט א שטארקע כוונה, אז וויבאלד די תפילין זענען דאך אן אות וזכרון אויפ'ן נס פון יציאת מצרים, און די מצות איז דאך אויך דאס זעלביגע, וועט ער משלב זיין ביידע ענינים צוזאמען.

אזוי האט ער טאקע געטוען און פון די טינט האט ער אויך געשריבן די הייליגע תפילין פאר זיין גרויסן פאטער הרה"ק רבי מרדכי מנדבורנא זי"ע.

ווען ער האט אריינגעברענגט די הייליגע

## פארגרעסערטע אויסגאבע




21




25

אויב ווילט איר באקומען די הערליכע אויסגאבע אויף אי-מעיל מידי חודש בחדשו,
שיקט אריין אייער אי מעיל אדרעס צו: hichelhamesivta@gmail.com



## סך הכל
### פונעם זמן!

21



## די 22 לייבן אין תורה

די מיטלסטע זייטן



## א בליק
### פון דער נאנט

אויף 4 גרויסע תורה פאבריקן אין די מבצרי התורה

10

פרשיות במתנה פאר זיין טאטן, האט ער אים פארציילט איבער זיין עבודה מיט'ן "מים שלנו" אין די טינט און זיין כוונה וואס ער האט געהאט דערמיט.

דער הייליגער רבי מרדכי'לע זי"ע האט אויפגעשיינט פאר שמחה און הנאה, און ער האט געהייסן אריינרופן די רעביצין, אז זי זאל מיטהאלטן וואספארא מתנה רבי מאיר'ל האט אריינגעברענגט אין שטוב.

ווען זי איז אריינגעקומען אין הייליגן צימער, האט זיך רבי מרדכי'לע אנגערופן צו איר: "ס'קומט דיר תוספת כתובה אויף דעם וואס דו האסט זוכה געווען צו האבן אזא קינד וואס האט מחדש געווען א זאך וואס איז נאך קיינעם נישט

> **ווען זי איז אריינגעקומען אין הייליגן צימער, האט זיך רבי מרדכי'לע אנגערופן צו איר: "ס'קומט דיר תוספת כתובה אויף דעם וואס דו האסט זוכה געווען צו האבן אזא קינד וואס האט מחדש געווען א זאך וואס איז נאך קיינעם נישט בייגעפאלן מיום בריאת שמים וארץ".**

בייגעפאלן מיום בריאת שמים וארץ".

דאס זענען געווען די פריערדיגע צדיקים, אזוי האט אויסגעקוקט זייער 'מים שלנו', זייערע מצות, זייערע תפילין, און יעדע מצוה, מיט אזעלכע גרויסע בחינות און געדאנקען.

לענינינו. אונז שטיי מיר זייער ווייט פון דעם, מיר זענען דאס גארנישט משיג און אוודאי קענען מיר זיך נישט צוגלייכן צו אזעלכע גרויסע בחינות.

אבער א שטיקל געדאנק קען מען אפשר זאגן, און ציען צו א פאראלעל פון די עובדא צו דער אופן קיום המצות ועסק התורה ביי אונז אין די הייליגע ישיבות.



עפ"י רוב ביי סתם אידן פשוטי עם הייבט זיך אן דער יו"ט פסח ביים זמן הדלקת הנרות, און אויב פריער איז עס שבת הגדול, עכ"פ נישט פריער ווי שלשים יום קודם החג. פאר פורים ווער טראכט דען פון פסח. הערשט נאך פורים שארט מען זיך ארויף דאס ארבל, מען הייבט אן פסח'דיג מאכן און מען עפנט שוין אויך די ספרי החג זיך צוצוגרייטן אביסל אויף די לעכטיגע טעג, צו וויסן וואס איבערצוזאגן ביים סדר נאכט וכדו'.

געוועצליך אנדערש איז אבער געווען די הכנה לפסח ביי די הונדערטער חשוב'ע בחורי חמד בהיכלי ישיבתינו הקדושות, וואו די 'מים שלנו' האט נישט נאר באדייט דאס אריינגיסן וואסער אין די מצות, נאר שוין אגאנץ ווינטער האט מען געטראכט ווי מען קען דאס ניצן, און מען האט דאס טאקע אויסגעניצט פאר די הייליגע תורה...

דעם 'למען תזכור את יום צאתך מארץ מצרים' איז שטענדיג געליגן פאר די אויגן. במשך אגאנץ ווינטער האט מען עוסק געווען אין מסכת פסחים, די וואסער פון פסח האט מען געניצט אויף די הייליגע תורה, מען האט זיך געווייקט אינעם ים התלמוד, דורכגעלערנט אן עמוד נאך אן עמוד, א בלאט נאך א בלאט, א פרק נאך א פרק, און נאך און נאך, ביז א ריזיגער מספר פון בחורים בליעה"ר האבן ב"ה מסיים געווען איבער האלב מסכתא אויף יו"ט!

**אשרי מי שבא לכאן ותלמידו בידו! איי איז דאס געווען א גליקליכער געפיל וואס האט ארומגענומען די אטמאספערע אין די היכלי הישיבה פאר פסח, ווען מ'האט זיך דערזעהן מיט די שענסטע מתנה און הכנה לכבוד יו"ט. ווי אנדערש פראוועט זיך אזוי דער יו"ט ווען אין יעדעס ענין וואס ס'קומט נאר אונטער, יעדע מצוה וואס מען איז מקיים, לויפט אדורך אין זכרון די גאנצע סוגיות הגמרא, אלע ראשונים ואחרונים, איי איז דאס א יו"ט, דאס איז א ריכטיגער חג כשר ושמח!**

אט דאס איז געווען דער מהודר'דיגע 'מים שלנו' וואס די הונדערטער בחורי חמד האבן געשעפט אין די ישיבה אויפ'ן חג המצות הזה!

## זכור ה' לדוד!

ככלות השלשים לפטירתו פון אונזער
אומפארגעסליכער ידיד נאמן, הרבני החסיד
עבד נאמן לרבותה"ק זי"ע

**מו"ה דוד לייב גרינפעלד ע"ה**

וועלכער פלעגט אונז שטענדיג בייהילפיג זיין מיט
יעדע געברויך, און באזונדער מיט'ן עפנען זיינע
היסטארישע אוצרות לזכות את הרבים

דרוקן מיר אויס אונזער צער און ווייטאג
אויף זיין פריצייטיגע פטירה

**המקום ינחם את כל משפחתו החשובה שיחיו**

ותהא נשמתו צרורה בצרור החיים!
זכרו לא יסוף מאתנו!

# הונדערטער חשוב'ע מרביצי תורה וכלי קודש טרעטן צו צום יו"ט מיט הרחבת הדעת

## 'ביומו תתן שכרו' אן אנגייענדע יסוד אין די ישיבה יעדע 2 וואכן פונקטליך



אנדערש ווי געוועהנליכע קמחא דפסחא קאמפיינס פון מוסדות'ן, וואס זענען עפ"י רוב געווידמעט אויסצוצאלן די לאנג-שולדיגע געהאלט פון די איינגעשטעלטע נאך פון חדשים בעפאר פסח, איז דער קמחא דפסחא קאמפיין פון די ישיבה געצילט מער אויף פשוטו כמשמעו, אויסצוצאלן די שכירות לכבוד יו"ט ממש, און צו דעקן די גרויסע חובות פון די 'הנהלה' און נישט פון די 'איינגעשטעלטע'.

די סיבה צו די אייגנארטיגע קאמפיין איז וויבאלד 'ביומו תתן שכרו' איז א שטענדיגע שטארקע פאליסי ביי די הנהלת הישיבה, וואס פארשטייענדיג אז פאר די הצלחה אין די עבודת הקודש דארף מען שטענדיג האבן הרחבת הדעת און נישט נאר אויף פסח, שטרענגט מען זיך אן אויף אלע אופנים צו צאלן דאס געהאלט פאר די געטרייע מרביצי תורה יעדע 2 וואכן פונקטליך.

נישט פשט אז ס'איז דא א סורפלוס אינעם בודזשעט אדער ס'וואקסט ערגעץ וואו א געלט-בוים אויף וואס די הנהלה האט געלייגט א האנט. ניין! נישט געזארגט, מען פלאגט זיך גענוג שווער, מען מוטשעט זיך אגאנץ יאר צו דרייען פון איין טאש צום צווייטן, נאר אזוי ווי מען פארשטייט אז די הצלחה פון די איינגעשטעלטע איז א הויפט פריאריטעט, פונקט ווי מען דארף באצאלן פאר געז און לעקטער וכדו', דערפאר טוט מען זיך פשוט איבערייסן אגאנץ יאר און מען שטרענגט זיך אן אויף אלע אופנים, צו קענען באצאלן אלע איינגעשטעלטע אין צייט.

ווען ס'קומט טאקע דער קמחא דפסחא סעזאן ווען 'באצאלן פאר די איינגעשטעלטע' איז דער הויפט ציל פון אלע קאמפיינס, איז מערקבאר א שטארקע הערצה און געפיל ביים גאנצן ציבור, בפרט ביי אלע חשוב'ע עלטערן און תומכים, וועלכע באגריסן די נאבעלע שריט פון די הנהלת הישיבה און שטרענגען זיך אן דעריבער מיט א שטארקן געפיל מחזק צו זיין די הנהלה סיי אויף צו קענען באצאלן די חשוב'ע מרביצי תורה אויף פסח און סיי בעתו ובזמנו אויך אויף אגאנץ יאר.

את חג המצות הזה זמן חירותינו.

# הכרת הטוב בענעפיט פאר צייטליכע הורי הישיבה: 'פאסט-רעגיסטראציע'

ווי באקאנט איז די "רעגיסטראציע" זייער אן אנגעשטרענגטע פראצעדור סיי פאר די הנהלה, און סיי פאר די בחורים און עלטערן, ווען אין בלויז 4 טעג דארפן זיך רעגיסטרירן הונדערטער בחורים. עס נעמט אסאך צייט און כח ביז ווילאנג יעדע פייל פון יעדן בחור ווערט באשטעטיגט צו מאכן זיכער אז מען איז נאכגעקומען אלע פארלאנגען, אזוי אז ס'קומט אויס אז מען דארף לאנג ווארטן אין די רייע ביז מען דערזעהט זיך מסודר עצהי"ט מיט'ן "כתב נתקבל".

דערפאר האט די הנהלת הישיבה היי-יאר צוגעשטעלט א נייע אפציע זיך צו קענען אויך רעגיסטרירן 'ביי מעיל', אז די עלטערן האבן די מעגליכקייט אריינצושיקן אלע פארלאנגטע פאפירן דורך די פאסט, און די פייל ווערט דערנאך גרונטליך באהאנדלט דורך די הנהלה, אזוי אז שפעטער ווען ס'קומט די צייט פון ארויסנעמען די קארטלעך, קענען די בחורים בלויז קומען ארויסנעמען דעם לעצטן "נתקבל" קארטל, אן קיין שום אויפהאלטונגען אדער פארהאנדלונגען.



דער נייער סיסטעם איז צוגעשטעלט געווארן אלס א ספעציעלע בענעפיט פאר די חשוב'ע עלטערן וואס רעכענען זיך מיט די הנהלה א גאנץ יאר און שטרענגען זיך פון פאראויס אויסצוצאלן די שכר לימוד אויפ'ן גרינגסטן אופן (אין קעש, אדער קרעדיט קארד, העד טשעקס וכדו'), וואס לאות הכרת הטוב פאר די אלע עלטערן וואס רעכנען זיך מיט די הנהלה צו פארגרינגערן זייער ארבעט, האט די הנהלה באשלאסן זיך אויך צו רעכענען מיט אט די עלטערן און זיי צו פארגרינגערן.

איבריג צו זאגן די שטארקע בענעפיט דערפון, סיי פאר די עלטערן וואס האבן דורכדעם די געלעגנהייט גרינגער מסדר צו זיין אלע ענינים אויפ'ן נייעם זמן און זיך איינשפארן איבריגע דאגות, און סיי פאר די תלמידים זעלבסט, וואס דארפן מער נישט אויסברענגען אזויפיל צייט צו שטיין אין די רייע, און זיין אויסגעשטעלט צו די אומבאקוועמליכקייט פון דארפן זיין א פארמיטלער צווישן די עלטערן און הנהלה איבער אלע פינאנציאלע און רוחניות'דיגע ענינים.

די געטרייע עלטערן האבן שטארק באגריסט דעם נייעם רעגיסטראציע סערוויס און האפן אויף ווייטער בעז"ה אנצוהאלטן מיט'ן פרינציפ צו צאלן פון פאראויס אדער עכ"פ צייטליך שכר לימוד, וואס אויסער וואס דאס איז א סגולה בדוקה אויף ערליכע קינדער כנודע מפי ספרים וסופרים הק', העלפט מען דערמיט שטארק ארויס די הנהלת הישיבה צו קענען לייכטער אנגיין מיט די שווערע ארבעט, וואס איז א טובה פאר זיך זעלבסט פאר די הצלחה פון די אייגענע קינדער.

ותהא משכורתם שלימה.

הזורעים בדמעה ברנה יקצורו:

# ליכטיגע שטראלן בחסדי ה' פאר הנהלת ישיבתינו הק' מיט ענדגילטיגע באשטעטיגונג פון 'טעפ פראגראם'

## - באזוך פון סענאט-מאריאטעט פירער אין שטוב פון רבי'ן שליט"א -

מיט גרויס דערלייכטערונג איז אויפגענומען געווארן די גוטע נייעס איבער די ענדגילטיגע באשטעטיגונג, אז פון היינט און ווייטער וועלן די ניו יארק'ע ישיבות אויך קענען געניסן פון 'סטעיט גרענטס' פאר הילף אין שכר לימוד, דורכ'ן "טואישאן אסיסטענס פראגראם", באקאנט אין קורצן אלס "טעפ", וואס אויסער וואס דאס איז גוטע נייעס פאר אלע ישיבות, איז עס א ספעציעלע גוטע נייעס פאר די ישיבה גדולה, וואס פלאגט זיך היינט מיט א דראסטיש-געשטיגענעם העכערן בודזשעט אין ליכט פון די שווערע עקאנאמיע וואס האט באטראפן דעם גאנצן יהדות החרדית, ובמיוחד אין ליכט פון די צעטיילונג פון די פיר ישיבות, און עס ווערט פאראויסגעזען פרישע אסטראנאמישע הוצאות פאר קרן הבנין.

די ענדגילטיגע באשטעטיגונג איז א געוואלדיגע דערגרייכונג פאר די חברי הנהלת הישיבה און פאר אלע גרויסע עסקנים און שתדלנים וועלכע האבן גע'עסקנ'ט דערפאר, אין זין פון 'הזורעים בדמעה ברנה יקצורו', ווען נאך שווערע און לאנגע שתדלנות פון עטליכע יאר האט מען ב"ה זוכה געווען צו זעהן די פירות און הערן די גוטע נייעס.

אויף די פערזענליכע בקשה און חיזוק ועידוד פונעם גרויסן ריש מתיבתא כ"ק מרן רבינו שליט"א האבן זיך די חברי הנהלת הישיבה איינגעלייגט אין דעם פראיעקט בכל כוחם ואונם, און האבן דערפאר געלייסטעט און אינוועסטירט אומצאליגע שעות און שלאפלאזע נעכט, אריינגערעכנט מערערע נסיעות קיין אלבאני, פאר אימערמידליכע שתדלנות און אינטערוועניצן, פערזענליכע באגעגענישן און באזוכן ביי די העכסטע פענסטער, זיי צו באאיינפלוסן צושטאנד צו ברענגען דעם וויכטיגן פראגראם.

דער רבי שליט"א פערזענליך האט זיך אויך במשך די לעצטע יאר געטראפן מיט פארשידענע הויכראנגיקע סטעיט פאליטישאנס פאר דעם צוועק, באזונדער מיט'ן



ניו יארק סטעיט גאווערנאר קאומאו, וועלכער האט בעפאר'ן ערוויילט ווערן אלס גאווערנאר פערזענליך פארשפראכן פאר'ן רבי'ן, אז ער וועט שטופן דערצו און זעהן אז דער וויכטיגער פראגראם זאל באשטעטיגט ווערן.

ווי יעדע גוטע זאך, איז דאס אנגעקומען ביטער שווער, מיט אומצאליגע עיכובים און שטרויכלונגען וואס זענען געשטאנען אויפ'ן וועג. נישט איינמאל האבן זיך שוין די עסקנים מייאש געווען און אויפגעגעבן האפענונג, זעענדיג דעם גרויסן שווערן בארג וואס האט אויסגעקוקט כמעט ווי אומזיגבאר, אבער די חברי הנהלת ישיבתינו הק' האבן נישט אויפגעגעבן, נאר געמוטיגט די אנדערע עסקנים און מען האט כסדר געטראפן א פרישן טיר וואו אזוי אריינצוקומען און דאס פריש ברענגען צום אויבערפלאך, נישט ריענדיג ביז מ'האט זוכה געווען בחסדי ה' בכוחם של רבותינו הק' זי"ע ובברכת קדשו פון מרן רבינו שליט"א בייצוקומען אלע שטיינער און שטרויכלונגען און דערלעבן די היסטארישע דערגרייכונג, אז אפילו אין די יעצטיגע שווערע צייטן, ווען די רעגירונג זוכט צו שניידן רעכטס און לינקס, זאל דער פראגראם פאקטיש באשטעטיגט ווערן, וואס שטעלט אוועק א נייעם פינאנציאלן יסוד הכנסה פאר ישיבות ומוסדות התורה אין ניו יארק.

די הנהלת הישיבה איז שטארק דאנקבאר פאר די אלע גרויסע עסקנים ושתדלנים פון מערערע קהלות און ארגאניזאציעס, וואס זענען געווען שותפים אין די שווערע ארבעט, מיט'ן אקטיוון מיטהילף פון דעם ניו יארק סטעיט אסעמבלימאן דוב הייקינד נ"י.

באזונדער איז די "אגודת ישראל דאמעריקע" געווען שטארק טעטיג און אינסטרומענטאל אין ערלעדיגן דעם באשטעטיגונג. ובפרט די ענערגישע עסקנים וואס שטייען אין שפיץ פון די קערפערשאפט: הרב חיים דוד צוויבל הי"ו, עזעקוטיוו וויצע פרעזידענט; הרב גדלי' וויינבערגער הי"ו, באארד טשערמאן; ואחרון חביב הרב שמואל לעפקאוויטש הי"ו, דער וויצע פרעזידענט פון אגודת ישראל קאמיוניטי סערוויסעס, וועלכער האט



סענאטאר דיען סקעלאס מיט די
חברי הנהלת הישיבה



דער רבי שליט"א באדאנקט די חברי הנהלת אגודת ישראל,
וועלכע האבן געהאלפן צושטאנד ברענגען דעם פראיעקט





די הערליכע אויפנאמע ביים רבי'ן שליט"א אין שטוב מיט די באטייליגונג פון די חברי הנהלת הישיבה און פילע גרויסע עסקנים,
ואלו הן: חברי הנהלת אגודת ישראל: הרב חיים דוד צוויבל הי"ו; הרב גדלי' וויינבערגער הי"ו און הרב שמואל לעפקאוויטש הי"ו;
הרה"ח ר' אברהם ווידער שליט"א ראה"ק ומעיאר קרית יואל; און די בארימטע שרי העסקנים והשתדלנים: הרה"ח ר' יצחק שמעון
אסטרייכער הי"ו ובנו ר' יהושע הי"ו





די עסקנים מיט די חברי הנהלת הישיבה ביים מסיבת לחיים לרגל די מסיבת שבע ברכות פון בן הרבני הנגיד ר' יעקב זוסמאן סופר נ"י, חבר
הנהלת הישיבה, אויסצודרוקן הכרת הטוב פאר זיינע גרויסע פעולות לטובת דעם 'טעפ' פראגראם

שווער געארבעט צו לאביאירן ביי די פאליטישאנס אז זיי זאלן נאכגיין אין די פיסטריט פון די פעדעראלע רעגירונג און ערלויבן תלמידים פון ישיבות צו געניסן פון די טואישאן גרענטס.

א גאר שטארקע אויסדרוק פון הכרת הטוב קומט זיך, פאר די געטרייע לאנגיאריגע עסקני' ושתדלני הציבור אין אלבאני, די חשוב'ע משפחת אסטרייכער, הרה"ח ר' יצחק שמעון ובנו העסקן הדגול ר' יהושע שיחיו, וואס האבן אריינגעלייגט גרויסע און שווערע כוחות מיט אימערמידליכע ענערגיע קראפט, שטייענדיג אין שפיץ פון דעם גאנצן קאמפיין, ביז זיי האבן ב"ה באוויזן דורכצובריכן די אייזבארג און ברענגען פאר כלל ישראל אזא סארט היסטארישע פינאנציאלע דערגרייכונג!

אויך קומט זיך א גרויסן דאנק פאר נאך עטליכע חשוב'ע גדולי העסקים און שתדלנים פון פארשידענע קהלות בישראל, כל אחד בשמו הטוב יבורך, ובראשם פארן בארימטן איש החסד והמעש הרה"ח המרומם מוה"ר אברהם וויעדער שליט"א, ראש העיר וראה"ק דקהלתינו הק' קרית יואל יצ"ו, וועלכער איז שטענדיג געשטאנען גרייט צו די האנט פון די הנהלת המתיבתא, פערזענליך אנטיילצונעמען אין מערערע נסיעות קיין אלבאני און אויסצונוצן זיין השפעה לטובה מיט זיינע גרויסע פארבינדונגען בחצרות מלכים ורוזנים, צוצוהעלפן צושטאנד צו ברענגען דעם פראגראם, לטובת די מתיבתא הק' אין קרית יואל ווי אויך פאר די אנדערע ישיבות אין גרעיטער ניו יארק וואס וועלן בעז"ה גאר שטארק פארדינען דערפון, אין לויף פון די קומענדיגע יארן בס"ד.

ווי טרעפליך האט זיך אויסגעדרוקט אן עסקן ושתדלן לטובת אחבנ"י, אז די ענדיגלטיגע באשטעטיגונג אריינצושטעלן אינעם בודזשעט דער 'טעפ פראגראם' איז א באוויז ווי ווייט מען קען ב"ה אנקומען און ברענגען הילף פאר'ן ציבור ווען מ'ארבעט אינאיינעם און מיט'ן זעלבן ציל.

*

פארגאנגענעם זונטאג האט דער ניו יארק סטעיט סענאט מאיאריטעט פירער, דיען סקעלאס, אפגעשטאט א באזוך ביי כ"ק מרן רבינו שליט"א, וואו דער רבי שליט"א האט אים פון טיפן הארצן באדאנקט פאר'ן האבן אן אקטיוון חלק אין אריינלייגן די גרענטס אינעם סטעיט בודזשעט, וואס וועט בעז"ה זיין א שטארקע הילף פאר אחבנ"י.

טראצדעם וואס גאווערנאר קאומאו האט פערזענליך געהאט פארשפראכן פאר'ן רבי'ן שליט"א זיין הייסע שטיצע פאר דעם פראגראם, האט זיך אבער נאך אויסגעפעלט די באשטעטיגונג פונעם רעפובליקאנער-קאנטראלירטע סענאט, און דערפאר האט זיך דער רבי שליט"א באדאנקט פאר דעם סענאט פירער וואס האט געברענגט אז דאס זאל קענען צושטאנד קומען.

ביים אויפנאמע אין רבי'נ'ס שטוב זענען אנוועזנד געווען די חברי הנהלת ישיבתינו הק', די ראשי קהלתינו ומוסדותינו הק' פון קרית יואל, די עסקנים פון אגודת ישראל בארה"ב, און נאך, וועלכע האבן געהאט א חלק אין עסקנות ושתדלנות פאר דעם פראיעקט.

מיט הכרת הטוב רעדעס האבן אויפגעטרעטן די הנהלה פון אגודת ישראל, און אין נאמען פון די ישיבה גדולה האט אויפגעטרעטן דער געטרייער חבר ההנהלה הרבני הנגיד ר' בערל מיטעלמאן הי"ו.

צום שלוס האט זיך אויפגעשטעלט הרה"ח ר' אברהם ווידער הי"ו, וועלכער האט ארויסגעברענגט פאר'ן רבי'ן שליט"א די שטארקע טובות וואס דער סענעטאר צייגט כסדר ארויס פאר אידישע אינטערעסן, זייענדיג שטענדיג גרייט ארויסצוהעלפן דעם גאנצן יהדות החרדית ביי יעדן ענין וואס פעלט זיך נאר אויס, און ער האט אפעלירט צום סענעטאר, ווייטער צו ארבעטן האנט-ביי-האנט מיט'ן היימישן ציבור, צו קענען דערגרייכן נאך טובות און שתדלנות אינעם סענאט.

דער רבי שליט"א האט הארציג באדאנקט דעם סענעטאר פאר זיין שטארקע הילף אין אלגעמיין ובפרט פאר'ן צושטאנד ברענגען דעם פראיעקט, זיך אויסדרוקנדיג אז ס'איז נישט נאר א הילף פאר די סאטמארער ישיבה, נאר ס'איז א שטארקע הילף פאר אלע ישיבות איבער די גרעיטער ניו יארק, און ער האט אים ווארים אנגעוואונטשן צו האבן הצלחה אין זיינע אונטערנעמונגען און שטייגן העכער אין ראנג.

נאך די אסיפה זענען די חשוב'ע געסט, די חברי הנהלה פון אגודת ישראל אריבערגעגאנגען אין זאל פון "קרן ויואל משה" זיך משתתף צו זיין ביי די לעצטע מסיבת שבע ברכות לכבוד שמחת נישואי בן הרבני הנגיד המפואר בונה ומקים עולמות של תורה, מו"ה ר' יעקב זוסמאן סופר נ"י, חבר הנהלת הישיבה, קומענדיג דירעקט אנטיילצונעמען אין די שמחה אין אויסדרוקן זייער הכרת הטוב פאר ר' יעקב זוסמאן נ"י, וועלכער איז געווען דער ראש השתדלנים והעסקנים פאר דעם פראגראם, ויום ולילה לא ישבותו אז דער פראיעקט זאל דורכגעפירט ווערן.

זעלבסטפארשטענדליך אז עס רעדט זיך נאך פון א לענגערע פראצעדור ביז מען וועט למעשה ארויסזעהן א דאלאר פון דעם פראגראם, אבער ס'האט ב"ה געברענגט ליכטיגע שטראלן פאר די הנהלת הישיבה, האפענדיג צו קענען בעז"ה ווייטער אנגיין מיט די הייליגע ארבעט מיט הרחבת הדעת.

אם אין קמח אין תורה

# נייע 'עירקאנדישאן' סיסטעם דרינגענד וויכטיג

אט טרעט מען אריין אינעם זומער זמן הבעל"ט, וואס אין צוגאב צו די געוועגליכע צוגרייטונגען און הוצאות וואס יעדע נייע זמן באדייט, דארף מען זיך איצט ספראווען מיט א נייע הוצאה, וואס דערוויל זעהט מען נישט די מעגליכקייט דערצו.

עס רעדט זיך פון אינסטאלירן א נייע עירקאנדישאן סיסטעם אינעם היכל המתיבתא פון שיעור א', וואס איז שוין לאנג וויכטיג אבער יעצט איז עס שוין אן עמווירדזשענסי' געברויך, נאכדעם וואס די ביז יעצטיגע האט שוין אויסגעדינט אירע יארן, אבער די פראבלעם איז אז ס'ווערט געשאצט אפצוקאסטן דעם גרויסן סכום פון 50 אלפים, וואס אפילו אין שנים כתיקונן איז דאס נישט לייכט אנגעקומען כש"כ אין די יעצטיגע שווערע צייטן.

למעשה איז דאס אבער נישט קיין אונטערנעמונג וואס מ'קען דורכשטופן און אויסווארטן עטליכע יאר, וויבאלד ס'איז נישט מעגליך צו לאזן אז הונדערטער בחורי חמד זאלן במשך די קומענדיגע הייסע זומער חדשים זיצן אגאנץ טאג אין א הייסן ביהמ"ד, דערפאר קוקט מען ארויס מיט האפענונג אז ס'וועלן איי"ה אונטערקומען נדיבי לב וועלכע וועלן ספאנסערן די הוצאות און מיט דעם זיך איינקויפן א זכות אין לימוד התורה ותפלה דרבים פון איבער 300 בחורים בליעה"ר בהיכל המתיבתא שיעור א'.

לעשות נחת "רוח"!



# לפיכך אנחנו חייבים להודות!

בשער בת רבים עלינו לשבח ולהלל הני תומכים היקרים
**מחשובי הורי תלמידי ישיבתינו הק'**
הנודעים בשערים, במלבושי כבוד אשר כולם מעריצים ומפארים,
שמם משבחים בכל מיני תוארים, הלא הם:

ידידינו היקר והנעלה

## הרה"ח ר' **אהרן מרדכי גלויבער** הי"ו

G&G CLOTHING

וידידנו היקר והנעלה

## הרה"ח ר' **משה שווארץ** הי"ו

ובנו ר' **יושע בער שווארץ** הי"ו

CENTRAL DRYGOODS

**אשר מלבד נדבתם הגונה לחג הפסח הגדילו לעשות חסד להעניק**
**הנחות מיוחדת לכבוד המרביצי תורה אף למשך כל השנה**

וגם לרבות ידידינו היקר והנעלה

### הרה"ח ר' **זאב שניטצער** הי"ו

SCHNITZER SHOE STORE

**אשר התנדבו לבם הטוב והעניקו 'הנחות' מיוחדת לכבוד מרביצי תורה החשובים של ישיבתינו הק', למען יוכלו להלביש את עצמם ומשפחותיהם במלבושי כבוד לכבוד החג במחור זול מאוד ברוב פאר והדר, מתוך הרחבת הדעת ומנוחת הנפש**

ישלם ה' פעלם, בדין הם שיטלו שכרם, ברב נחת ואושר, ויראו פרי טוב בעמלם בהצלחה ועושר, ואת חג המצות, יחוגו בשמחה ובדיצות, ועל ידי מצות החזקת ת"ח לכבוד החג ישפעו להם ולבני ביתם שפע רב טוב משמים, וימלא ה' כל משאלות לבם לטובה ולברכה במדה מרובה וכפליים, עדי נזכה לביאת גואלינו ומלכנו בראשינו, בב"א.

בברכת תודה רבה וחג כשר ושמח,
**הנהלת הישיבה**

# הונדערטער תלמידי המתיבתא פון אלע אפטיילונגען פראווען אינאיינעם התרגשות'דיגער "מסיבת סיום הזמן"

## דערהויבענער תפילת שחרית ומסיבת פרידה אין היכל הביהמ"ד פון שיעור א' בצוותא חדא מיט'ן גרויסן ריש מתיבתא כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

היכלי המתיבתא. - דינסטאג פ' טהרה ר"ח ניסן העעל"ט איז געווען א גאר התרגשות'דיגער טאג בהיכלי המתיבתא, ווען די הונדערטער בחורים האבן זיך הארציג געזעגענט נאך אזא געלונגענער ווינטער זמן, וואס איז ב"ה פאראיבער מיט גרויס הצלחה וסייעתא דשמיא, און אלע בחורים זענען אהיימגעפארן מיט אנגעפילטע אוצרות תורה ויראת שמים וואס מען האט זיך אנגזאמלט במשך די לאנגע ווינטער זמן, צו די אויסטערלישע צופרידנהייט פון אלע חשוב'ע עלטערן ורמ"י ומרביצי תורה.

צום סיום הזמן זענען זיך אלע הונדערטער תלמידים פון אלע אפטיילונגען צוזאמגעקומען אינאיינעם אין היכל הביהמ"ד פון שיעור א', וואו מען האט אפגעראכטן א פייערדיגן דאווענען און געפראוועט א מסיבת פרידה אויף גאר א געהויבענעם שטימונג בצוותא חדא מיט'ן גרויס ריש מתיבתא כ"ק מרן רבינו שליט"א.

דאס דאווענען איז פאראיבער מיט א ספעציעלע ווארימקייט אין א בחי' פון תפילת נעילה, שטייענדיג ביים סוף זמן ווען ס'שפירט זיך אין די לופט דאס התרגשות פונעם מאמענט, ווען מ'געזעגנט זיך פון די שערי הישיבה נאכ'ן אפצייכענען אזא סוקסעספולן זמן בעזו"ה.

נאכ'ן דאווענען האט מען זיך געזעצט צו א גרויסע מסיבה, וואס איז מיטגעהאלטן געווארן דורך אלע געטרייע מגידי שיעור ומשפיעים ומשגיחים וראשי החבורה, וועלכע האבן אלע אריינגעלייגט גרויסע כוחות אין יעדן איינציגן תלמיד באזונדער. אין שפיץ האט מפאר געווען דער גרויסער ראש הישיבה כ"ק מרן רבינו שליט"א, וועלכע האט געשטראלט צו זיצן אינאיינעם מיט זיינע הונדערטער געטרייע תלמידים סביב לשלחנו.

א שטילקייט האט געהערשט ביים עולם ווען דער רבי שליט"א האט גענומען דאסווארט און גערעדט דברי פרידה צום זמן העבר, און דברי הדרכה והתעוררות לקראת חג הפסח.

דער רבי האט ארויסגעברענגט זיין התפעלות פון די געוואלדיגע הצלחה און סייעתא דשמיא וואס מ'האט ב"ה זוכה געווען דעם זמן מיט די פילע קניני התורה וואס יעדער האט קונה געווען, סיי אין די אפיציעלע סדרי הישיבה, און סיי די הונדערטער בחורים וואס זענען אנגעשלאסן אין פילצאליגע חבורות און האבן אויסגענוצט די זייטיגע צייטן זיך משלים זיין בקניני התורה.

דער רבי האט ברייט ארומגערעדט פון די גרויסקייט פון חודש ניסן און ימי החג פסח, ווען ס'קומען אראפ אזעלכע לעכטיגע אורות און מ'קען זייער אסאך אויפטון אין די טעג.

דערביי האט דער רבי שליט"א אויפגעפאדערט די חשוב'ע בחורים אויסצונוצן די בין הזמנים טעג ווי ס'דארף צו זיין, און ארומגערעדט וויאזוי א בחור דארף מאכן די הכנה צום יו"ט און אפרעכטן די לעכטיגע טעג אליין, מיט וואספארא דערהויבנקייט און חיות.


סדר סיום זמן החורף תשע"א לפ"ק
סעודת ר"ח וסיום הזמן
כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
אחר בדה"מ יכנסו לחדר של מרן רבינו שליט"א
הבחורים שעמדו לנסיון בע"פ - אחר גמר התורה -
על כל דיבורי מהרש"א בפרק אור לארבעה עשר
* * * *

דעם רבי'נס דרשה איז געווען א שטארקע חיזוק פאר אלע בחורים, און אונטער דעם רושם דקדושה האט זיך געשלאסן דער מוצלח'דיגער זמן החורף תשע"א בהיכלי ישיבה גדולה.

קשה עלינו פרידתכם.

# היכלי המתיבתא איינגעהילט אין ריתחא דאורייתא ביי לימוד "סוגיא"

די היכלי הישיבה האבן אין די פארגאנגענע ערבי פסחים געשטורעמט מיט א מעכטיגן קול תורה, נאכדעם וואס עפ"י הוראת כ"ק מרן רבינו שליט"א האט מען געלערנט די סוגיא פון "דדבר שיש לו מתירין" לכבוד שבת הגדול הבעל"ט.

דער סדר לימוד הסוגיות איז שוין איינגעפירט מאז ומקדם אין אלע אונגארישע ישיבות, ווי אויך אין די מתיבתא הק' וואו עס איז איינגעפירט געווארן מיט יארן צוריק דורכ'ן מייסד מרן רבינו הק' זללה"ה.

אין די לעצטע יארן איז איינגעשטעלט אין די ישיבה,



אז עטליכע מאל א זמן לערנט מען א סוגיא מיט אלע מפרשים לאסוקי שמעתתא אליבא דהלכתא, וואס דאס איז א געלעגנהייט פאר די בחורים אויסצוברייטערן די ידיעות התורה אויף א ברייטן פארנעם, ווען מ'איז צולל ויורד אינעם ים התלמוד מענין לענין, מקשר חבל בחבל ונימא בנימא, ארום די ספרי הראשונים און די ספרי השו"ת, וואס ברענגט אריין דעם בחור אין די ברייטע תורה וועלט.

חביבותא יתירה נודעת לה, אז די בחורים זענען זוכה אז אין די וואכן ווען מ'לערנט "סוגיא" קומט ספעציעל אריבער דער גרויסער ראש הישיבה כ"ק מרן רבינו שליט"א פארצולערנען די שיעורים, וואס ברענגט א ריתחא דאורייתא און א רוח התורה צווישן די בחורים.

מה נהדר היה המראה ווען דער רבי שליט"א איז היי-יאר ערשינען ספעציעל ביי די חשוב'ע תלמידים פון שיעור ב', און אלע בחורים סיי פון שיעור א' און אויך פון שיעור ג' זענען אריבערגעקומען און מיטגעהאלטן די הערליכע 'סוגיא פארלערנען' פונעם רבי'ן שליט"א, וואס איז אזוי אנגעגאנגען פון פורים ביז ר"ח ניסן, ווען עס זיצן הונדערטער תלמידים כשתילי זיתים סביב און האלטן מיט די שיעורים, נאכדעם וואס יעדער איז גוט פארגעקוקט און שטארק אויסגעקאכט אין די סוגיא, און דער חיות און מתיקות התורה שפירט זיך אין די אטמאספערע.

עס איז א פאקט אז טאקע אין די טעג פונעם סיום הזמן, וואס געווענליך אין עולם הישיבות הערשט שוין א שטיקל רפיון וחולשה פאר'ן סיום הזמן, איז אין די מתיבתא פון די שענסטע זמנים, ווען דער לימוד הסוגיא נעמט אריין די בחורים אינעם עמקות התורה, און מיט אזא הכנה גרייט מען זיך צום געהויבענעם יו"ט פסח הבעל"ט.

והכינו את אשר יביאו.

# תלמידי הישיבה נעמען אנטייל מיט כ"ק מרן רבינו שליט"א בעבודה"ק לשם מצות מצוה

ווי אלע יארן איז איינגעפירט אז די בחורי חמד תלמידי ישיבתנו הק' העלפן ארויס מיט די עבוה"ק און די הכנה לצורך די מצות שמורה פון כ"ק מרן רבינו שליט"א. ובדין הוא ווען די צענדליגער חשוב'ע חתנים מתלמידי הישיבה זענען סמוכים על שולחנו הטהור פון רבינו שליט"א ביי די לילי הסדר זאלן צולייגן א האנט צו די הכנה למצוה, ווי דער רבי שליט"א איז כסדר מעורר די בחורים צו לעבן מיט די מצות און שפירן א טעם און א חשק אין די הכנות.

אין איינע פון די צייטן במשך די פארגאנגענע וואכן ווען די בחורים האבן געמאלן די ווייץ, איז דער רבי שליט"א בכבודו ובעצמו פערזענליך אריבערגעקומען אין די כיתה מיוחדת וואו מ'מאלט די ווייץ, און דער רבי שליט"א האט א לענגערע צייט עוסק געווען אין די עבוה"ק מיט גרויס יגיעה, און ארייגעלייגט גרויסע כוחות אין טחינת החיטים ברחיים של יד כמנהג בני ישראל המהדרין המצוות, וואס דאס האט אריינגעברענגט א געהויבענעם געפיל און זכי' ביי די אלע בחורים, וועלכע האבן אנטיילגענומען אין אזא הייליגע עבודה לשם מצות מצוה.

מאנטאג אוונט פ' טהרה איז דער רבי שליט"א אריבערגעקומען אין די מצה בעקעריי אין קרית יואל, וואו דער רבי שליט"א האט געבאקן די מצות מצוה אינאיינעם מיט די תלמידי הישיבה פון שיעור ב', און ג' וואס איז געווען א געהויבענע איבערלעבעניש פאר די בחורים.

ושמרתם את המצות!





# תומכי הישיבה ערהאלטן יערליכע "פסח מתנה"

דאס קארטעלע וואס די הונדערטער תומכים פון די מתיבתא הק' האבן ערהאלטן אויף די פאסט מיט די צופרידענע מעלדונג, אז אויך היי-יאר וועלן די חשוב'ע תומכים האבן די געלעגנהייט צו ערהאלטן דעם נייעם הערליכן אוצר "ומשה היה רועה חלק חמישי", דאס האט שטארק דערפרייט די אלע תומכים ומסייעים פון די ישיבה, וואס האבן זיך צוגעאיילט אויסצוצאלן זייער פארבליבענע התחייבות צו קענען באקומען די מתנה.

עס איז שוין עטליכע יאר אזוי ווען אין איינע פון די ערב פסח טעג באקומען אלע תומכים פון די ישיבה ביים טיר א הערליכע מתנה, דער נייער חיבור "ומשה היה רועה" באגלייט מיט א פאסענדע דאנק בריוועלע פון די הנהלת הישיבה, וואס איז באמת א דערקוויקעניש.



טראצדעם וואס דער חיבור איז געווענליך בהשג יד צו קויפן אין די געשעפטן מיט עטליכע טעג שפעטער, שפירן די אלע תומכים א זכי' צו קענען באקומען דעם חיבור אלס מתנה פון די ישיבה, ווען אויסער דעם וואס דער חיבור אליין פארשאפט א קורת רוח, שעפט מען נחת ווען מען ווייסט אז דאס איז א מתן שכרה בצדה פאר'ן מחזיק זיין די הייליגע ישיבה וואס איז געווען משאת נפשו פונעם רבי'ן ז"ל מש"ה רע"א מהימנא, און דאס גיט צו נאך מער חיזוק ממשיך צו זיין און אויפהאלטן דעם הייליגן מבצר התורה והיראה.

וזאת התורה אשר שם מש"ה



⁕ כנגד ׳ארבעה׳ דברה תורה ⁕

# א בליק פון דער נאנט

## אויף 4 גרויסע תורה פאבריקן אין די מבצרי התורה

| חבורת נהר שלמה | חבורת י״ם התלמוד | חבורת חוזרין על הפסחים | חבורת וזאת ליהודה |
|---|---|---|---|

די מתיבתא הק׳ איז נישט בלויז א שם כללי וואס אנטהאלט היינט אונטער זיך פיר גרויסע ישיבות, נאר די מתיבתא הק׳ פארקערפערט אונטער זיך אויך פילע חבורות, וואס יעדע איינע פאר זיך איז א גרויסע תורה פאבריק, אין וועלכע הונדערטער בחורים זענען אנגעשלאסן מיט׳ן ציל זיך משלים צו זיין אין פארשידענע מקצועות התורה, ווי: יורה דעה, הל׳ שבת, מסכתות בש״ס, וכדו׳.

די חבורות זענען אויפגעשטעלט געווארן דורך די הנהלה רוחניות מיט די הילף פון די הנהלת הישיבה, זייענדיג צוגעשטעלט מיט א שטאב פון בארימטע ראשי החבורות, שואל ומשיב׳ס, פארהערער וכדו׳, אלעס מיט׳ן ציל אז די בחורים זאלן קענען אויסניצן די פרייע צייטן זיך משלים צו זיין במקצועות התורה, וואס דאס איז דער ציל פון די הייליגע ישיבה זיך קונה שלימות צו זיין במעלות התורה און אויסשטייגן בעז״ה ערליכע אידן יודעי שמך ולומדי תורתך, ביי וועמען די תורה הקדושה איז דער עיקר חיות אינעם לעבן.

מיר ווילן זיך איצט אפשטעלן און אויסקלויבן פיר הערליכע חבורות:

- „חבורת נהר שלמה" להל׳ שבת בהתנדבות לבו הטוב פון הרה״ח **ר׳ שלמה חיים הייזלער הי״ו**.
- „חבורת י״ם התלמוד" בהתנדבות לבו הטוב פון הרה״ח **ר׳ חיים הערש שאהן הי״ו**.
- „חבורת חוזרין על הפסחים" למס׳ פסחים בהתנדבות לבם הטוב פון הרה״ח **ר׳ אליעזר ווייס הי״ו** ושותפו הרה״ח **ר׳ גרשון מענדל ניימאן הי״ו**
- „חבורת וזאת ליהודה" להל׳ יור״ד ח״א בהתנדבות לבו הטוב פון הרה״ח **ר׳ אברהם דוב יודא הלוי מאנדל הי״ו**.

די פיר הערליכע חבורות זענען גרויסע תורה פאבריקן בעולם הישיבה, וואס געבן ארויס פון זיך גאר מעכטיגע פירות. מיט א בליק אויף צוריק אויפ׳ן פארלאפענעם ווינטער זמן זעהט מען די גרויסע הצלחה, ווען במשך די פארגאנגענע חדשים זענען די הונדערטער בני החבורה גאר אסאך אנגעקומען און האבן זיך געשעטלט אויף צום פארהערן אויף גאנצע פרקים אין פילע מסכתות בש״ס, צי אויך גאנצע בלעטער שו״ע מיט די נו״כ וכדו׳.

(אין די קומענדיגע געלעגנהייט ווילן מיר אי״ה פארברייטערן דעם שמועס איבער די אנדערע חבורות)

קומט כאפן א שטיקל באזוך אין די גרויסע תורה פאבריקן.





# "חבורת נהר שלמה"

## מטרה: זיך משלים צו זיין בהל' שבת

**פטרון החבורה: הרה"ח ר' שלמה חיים הייזלער הי"ו, ראה"ק עצי חיים סיגוט ומח"ס נהר שלמה**

אויף דעם זמן החורף האבן זיך מערערע בחורים חשובים ומופלגים בתורה אנגעשלאסן אין "חבורת נהר שלמה", מיט'ן ציל דורכצולערנען און קונה שלימות צו זיין די גאר וויכטיגע הל' שבת, וואס איז נוגע פאר יעדן איד מדי שבת בשבתו, און דערנאך זיך שטעלן דערויף צום פארהער, כדי קונה שלימות צו זיין די קניני הלכה אויף אן אופן אז ס'זאל זיין מונח בקופסא.

אין שפיץ פון די חבורה שטייט הרה"ג ר' אברהם יעקב יאקאב שליט"א מחשובי המשגיחים ומגי"ש בישיבה, אויף זיך און יעדער זאל קענען שטייגן בעז"ה מעלה מעלה בתורה כאות נפשו הטוב.

אין צוגאב זענען געשטעלט מטעם הנהלת הישיבה עטליכע ראשי החבורות ושו"מ אין יעדן אפטיילונג פון די ישיבה, וואו די חבורה פונקציאנירט, ואלו הן: הרה"ג ר' אברהם שמחה גאטליב שליט"א - הרה"ג ר' חיים יחזקאל ווערצבערגער שליט"א - הרה"ג ר' אלכסנדר לאנדא שליט"א - הרה"ג ר' יוסף שמואל פילאפף שליט"א, וועלכע זענען אלע בארימטע תלמידי חכמים, וואס שטייען גרייט ארויסצוהעלפן און ענטפערן אויף אלע ערליי שאלות פון די בחורים אין הל' שבת, כדי צו קענען אנגיין מיט די לימודים און זיך משלים זיין אין די וויכטיגע מקצועות בשו"ע.







אזוי אויך ווערט געגעבן אפט שיעורים ברבים דורך חשוב'ע אויסגערופענע מגידי שיעור, ווי די בני החבורה קומען זיך צוזאם אין די בין הסדרים אויסצוהערן די שיעורים בטוב טעם ודעת, וואס גיט די מעגליכקייט פאר די בחורים צו קענען דערנאך גרינגער אויפכאפן און איבער'חזר'ן די סימנים.

יעדע שטיק צייט ווערט געגעבן "שאלות בכתב", אויף וועלכע די חברי החבורה ענטפערן אויף זייערע לימודים וואס זיי האבן שוין אדורכגעלערנט און איבערגע'חזר'ט. באזונדער ווערן יעדע שטיק צייט ארויפגערופן אין ישיבה חשוב'ע מורי הוראות, וועלכע קומען פארהערן די אלע בחורים וואס זענען שוין אנגעקומען און מערערע מאל איבערגע'חזר'ט א חלק ניכר פון עטליכע סימנים.

נאכדעם וואס א בחור איז שוין גרייט זיך צו פארהערן גאנץ הל' שבת ביים רבי'ן שליט"א, גייט ער קודם אריבער צו הגה"צ רבי חנוך העניך אשכנזי שליט"א, חדב"נ ורב דביהמ"ד אבני צדק קרית יואל, וועלכער גייט גרונטליך דורך גאנץ הל' שבת און שטעלט פאר הונדערטער שאלות איבער אלע סימנים, און אויב שטעלט זיך טאקע ארויס אז דער בחור קען הל' שבת ישר והפך און איז גרייט דערויף אויף צום פארהער, ווערט אויסגעארבעט א ספעציעלער צייט צו קענען אריינגיין אל הקודש פנימה צום רבי'ן שליט"א, וועלכער פארהערט דעם בחור און גיט שפעטער א ספעציעלער כתב תעודה בחתימת יד קדשו לברכה ולהצלחה.


שנת טהרה ומהרתא ...
חבורת נהר שלמה - הלכות שבת

מודעה חשובה

אי"ה בשבוע הבא פר' ויצא
יתקיים דרשה לבני חבורתינו
חבורת הל' שבת

בענין: הלימוד והחזרה לבני ישיבה,
בו ימסרו כמה ענינים בדרכי החזרה
שיועילו הרבה לכל בחור

פרטים יבאו


חבורת נהר שלמה - הלכות שבת

השומר שבת כדת מ...

אילו שמרו ישראל "שתי" שבתות

וועלכער באגלייט יעדן איינציגן חבר החבורה צו קענען אויספירן זיין שאיפה. ער האלט מיט געגוי די פונקטליכע צילן און פרטים פון יעדן איינעם, ער פאראינטערעסירט זיך כסדר וואו מען האלט און וויפיל מען איז שוין אנגעקומען, און ער גיט חיזוק און באגלייט יעדן איינעם אז מ'זאל קענען אנקומען דאס וואס מ'האט גענומען



# ״חבורת י״ם התלמוד״

## מטרה: קונה צו זיין מסכתות בש״ס

**פטרון החבורה: הרה״ח ר׳ חיים הערש שאהן הי״ו**

אויף דעם ווינטער זמן האבן זיך א גרויסער צאל בחורים חשובים ומצויינים זיך אנגעשלאסן אין ׳חבורת י״ם התלמוד״, מיט׳ן ציל איבערצו׳חזר׳ן מסכתות אין ש״ס וואס מ׳האט שוין געלערנט אין די פריערדיגע יארן און דערנאך זיך שטעלן דערויף צום פארהער בע״פ, כדי קונה שלימות צו זיין קנינים בתורה אויף אן אופן אז ס׳זאל זיין מונח בקופסא, מ׳זאל געדענקען דאס לערנען און שפירן א קשר צו די תורה כל ימי חייהם.

גלייך אין אנהויב זמן איז פארטיילט געווארן ״אפליקאציע בויגנס״, וואו די בחורים האבן זיך אריינגעשריבן אינעם חבורה, און אנגעצייכנט וואס מ׳וויל דערגרייכן במשך דעם זמן, צב״ש: וועלכע מסכתא וויל מען איבער׳חזר׳ן, מיט גפ״ת אדער בלויז גמרא רש״י וכדו׳, וועלכע מסכתא וויל מען קודם זיך פארהערן און וועלכע שפעטער, וויפיל בלאט וויל מען זיך צוערשט שטעלן אויף פארהער, וועלכע מסכתא איז מען שוין גרייט זיך צו פארהערן, וויפיל מסכתות האט מען זיך שוין פארהערט אין די פארגאנגענהייט וכדומה.

בראש החבורה שטייט הרה״ג ר׳ אברהם יעקב יאקאב שליט״א, וועלכער באגלייט יעדן איינציגן בחור צו קענען אויספירן זיין שאיפה וואס ער האט זיך אונטערגענומען און צילט בעז״ה צו דערגרייכן.

יעדן חודש ווערט געגעבן ״שאלות בכתב״, אויף וועלכע די חברי החבורה ענטפערן אויף זייערע לימודים וואס זיי האבן שוין אדורכגעלערנט און איבערגע׳חזר׳ט.






נאכדעם וואס א בחור איז שוין גרייט זיך צו פארהערן לכה״פ 500 בלאט אויסעווייניג, ווערט אויסגעארבעט א ספעציעלער צייט צו קענען אריינגיין אל הקודש פנימה צום רבי׳ן שליט״א, וועלכער פארהערט דעם בחור און גיט שפעטער א ספעציעלער כתב תעודה בחתימת יד קדשו לברכה ולהצלחה.

ווען א בחור קומט אן צום רבי׳ן האלט ער שוין עפ״י רוב נאך צענדליגער מאל חזרה, אזוי אז ער קען שוין די לימודים ווי אשרי יושבי. ס׳איז טאקע א נחת מיטצוהאלטן אזא בילד; דער רבי ווארפט צוזאם הונדערטער שאלות פון מערערע מסכתות אויפאמאל און דער בחור ענטפערט מיט א געוואלדיגע קלארקייט ובטוב טעם ודעת וואס פארשאפט א קורת רוח דאס מיטצוהאלטן.





# "חבורת
# "חוזרין על הפסחים"

## מטרה: קונה צו זיין גאנץ מס' פסחים

**פטרוני החבורה: הרה"ח ר' אליעזר ווייס הי"ו**
**הרה"ח ר' גרשון מענדל ניימאן הי"ו**



אין אנהייב ווינטער זמן איז נתייסד געווארן די נייע חשוב'ע חבורה "חוזרין על הפסחים", מיט'ן ציל דורכצולערנען און קונה שלימות צו זיין גאנץ מסכת פסחים, וואס איז איצט פון די סדר הלימודים אין די ישיבה.

א הערליכער מחזה איז געווען אנהויב זמן ווען איבער 100 חשוב'ע בחורים מופלגים האבן זיך פרייוויליג אנגעשלאסן אין דעם חבורה, מיט'ן קבלה טובה אוועקצוגעבן פון די פרייע צייטן און אויסניצן יעדע איבריגע מינוט אויף לימוד התורה, צו קענען אי"ה דורכאויס די יאר דורכלערנען און מסיים זיין די גאנצע מס' בידיעה ברורה, און דערנאך זיך שטעלן דערויף צום פארהער.

גלייך אין אנהויב זמן איז פארטיילט געווארן "אפליקאציע בויגנס", ווי די בחורים האבן געהאט דער געלעגנהייט זיך איינצושרייבן אין דעם חבורה. דערביי האבן די חשוב'ע בחורים אויסגעפילט א "שטר הסכם", וואו עס איז פארצייכנט געווארן גענוי דער ציל און קבלות פון יעדן בחור, דהיינו וויפיל אנצוקומען, וועלכע זמנים פון טאג; און אזוי ווייטער.

ווי ביי אלע אנדערע חבורות שטייט אויך דא אין שפיץ הרה"ג ר' אברהם יעקב יאקאב שליט"א, וועלכער באגלייט יעדן איינציגן חבר החבורה צו קענען אויספירן זיין שאיפה. אין צוגאב זענען געשטעלט עטליכע ראשי החבורות ושו"מ וואס שטייען גרייט צוצוהעלפן די בחורים צו קענען אנגיין מיט די לימודים.

יעדע שטיק צייט ווערט געגעבן א "בחינה בכתב", ווי אויך "בחינות בעל פה", ווי חשוב'ע מגי"ש פון די ישיבה פארהערן די בחורים אויף זייערע לימודים.

בעיקר גרייטן זיך די בחורים אויף סוף יאר, ווען נאכדעם וואס מ'וועט אי"ה האבן גוט אדורכגעלערנט, מסיים געווען און מערערע מאל שוין פארהערט די מסכתא, וועט פארקומען דער הויפט פארהער אויף די גאנצע מסכתא, ווי א חשוב'ער בארימטער בוחן וועט דורכגיין און פארהערן יעדן בחור איבער די הונדערטער בלעטער פון די גאנצע מסכתא.

די אלע בחורים וואס וועלן זיך אויסצייכענען ביים פארהער וועלן אי"ה ערהאלטן א ספעציעלע שיינע כתב תעודה בחתימת יד קדשו פונעם גרויסן ראש הישיבה כ"ק מרן רבינו שליט"א מיט א הערליכע טייערע מתנה לאות ולזכרון, וואס וועט עדות זאגן אויף די התמדת וקניני התורה פון זיינע באליבטע טייערע תלמידים, וואס האבן זיך משלים געווען בין כותלי בית מדרשו.



# "חבורת וזאת ליהודה"

## מטרה: זיך משלים צו זיין אין יו"ד ח"א

**פטרון החבורה: הרה"ח ר' אברהם דוב יודא הלוי מאנדל הי"ו**



אויף דעם היי-יעריגן ווינטער זמן האבן זיך איבער 100 בחורים חשובים ומופלגים בתורה אנגעשלאסן אין "חבורת וזאת ליהוד"א", מיט'ן ציל דורכצולערנען און קונה שלימות צו זיין די גאר וויכטיגע הלכות יורה דעה ח"א, ווי הל' בשר בחלב, מליחה, טריפות וכדו', און דערנאך זיך שטעלן דערויף צום פארהער, כדי זוכה זיין באקרוינט צו ווערן בכתר 'הוראה' און קונה שלימות צו זיין די וויכטיגע הלכות אויף אן אופן אז ס'זאל זיין מונח בקופסא, לדעת את הדרך ילכו בה ואת המעשה אשר יעשון.

עס איז איבריג מרבה צו זיין די וויכטיגקייט צו קענען די וויכטיגע הלכות פון יורה דעה ח"א, ווען אויסער וואס דאס עצם לימוד השו"ע איז א חלק פון די תורה הק', איז דער מציאות, אז אין יעדע אידיש קאך במשך דעם גאנצן לעבן באגעגנט מען זיך מיט שאלות וספיקות בהלכה, א יעדע ריר איז פארבינדן מיט פארשידענע און קאמפליצירטע הלכות וועלכע זענען אקטועל און נוגע אויף יעדן פרט ופרט, און ערליכע אידן ווילן שטענדיג זיין פארזיכערט חלילה נישט נכשל צו ווערן מיט הארבע איסורים.

גלייך אין אנהויב זמן זענען פארטיילט געווארן "אפליקאציע בויגנס", וואו די בחורים האבן אויסגעפילט און זיך געמאכט א ציל וואס און וויפיל זיי וועלן בעז"ה אנקומען במשך דעם זמן.






כדי צו האבן דעם ריכטיגן שטופ און חיזוק צו קענען דערגרייכן דעם ציל איז פונקט ווי ביי אנדערע חבורות, אויך דא צוגעשטעלט עטליכע עטליכע ראשי החבורות ושו"מ אין שפיץ פון הרה"ג ר' אברהם יעקב יאקאב שליט"א, וואס באגלייטן יעדן איינעם און שטייען גרייט צו ענטפערן אויף די לימודים און צוהעלפן מיט וואס מעגליך צו קענען קונה שלימות זיין אויפ'ן בעסטן אופן.

אויך ווערט געגעבן אפט וויכטיגע שיעורים ברבים דורך חשוב'ע מגידי שיעור.

יעדע שטיק צייט ווערט געגעבן "שאלות בכתב", אויף וועלכע די חברי החבורה ענטפערן אויף זייערע לימודים. באזונדער ווערן יעדע שטיק צייט ארויפגערופן אין ישיבה חשוב'ע מורי הוראות, וועלכע קומען פארהערן די אלע בחורים וואס זענען שוין אנגעקומען און מערערע מאל איבערגעחזר'ט א חלק ניכר פון עטליכע סימנים.

**נאכדעם וואס א בחור איז שוין גרייט זיך צו פארהערן גאנץ הל' יורה דעה ביים רבי'ן שליט"א, גייט ער קודם אריבער א ספעציעלע גרונטליכע פארהערער ביי א חשוב'ער מורה הוראה אויף גאנץ יורה דעה ח"א, און אויב שטעלט זיך טאקע ארויס אז דער בחור קען הל' יורה דעה ישר והפך און איז גרייט דערויף אויף צום פארהער, ווערט אויסגעארבעט א ספעציעלער צייט צו קענען אריינגיין אל הקודש פנימה צום רבי'ן שליט"א, וועלכער פארהערט דעם בחור און גיט שפעטער א ספעציעלער כתב הוראה בחתימת יד קדשו לברכה ולהצלחה, וואס דאס איז דער העכסטער און לאנג-ערווארטעטער מאמענט אויף וואס דער בחור קוקט אזוי ארויס צו קענען זוכה זיין צום טיטל 'יורה, יורה, ידין, ידין'.**

**אשרי מי שבא לכאן ותלמידו בידו!**

"חבורת וזאת ליהודה", מיט'ן ציל דורכצולערנען און קונה שלימות צו זיין די גאר וויכטיגע הלכות יורה דעה ח"א.



# סך הכל פונעם זמן!

אויסער די אפיציעלע לימודים בזמני הישיבה, וואס אלע הונדערטער תלמידי המתיבתא פון אלע אפטיילונגען האבן דורכגעלערנט און זיך געשטעלט דערויף צום פארהער, ווי עס לויטעט די תקנות הישיבה, האבן באזונדער פילע הונדערטער בחורים פון יעדע ישיבה דורכגעטועט במשך דעם זמן נאך פארשידענע שווערע מקצועות און לימודים, און געזען ב"ה א ברכה רבה בעמלם



- **250 בחורים** – דורכגעלערנט און זיך געשטעלט צום פארהערן אויף האלב מסכת פסחים
- **70 בחורים** – צוגעלערנעט אין פרייע צייטן נאך חלקים אין מס' פסחים און זיך געשטעלט צום פארהער אויף רוב מסכתא
- **200 בחורים** – דורכגעארבעט במשך דעם זמן 15 פעסטע סוגיות ארום בדיקה וביטול און נאך, די גמרא מיט אלע ראשונים ואחרונים
- **10 בחורים** – זיך געשטעלט צום פארהערן אויף גאנץ הל' יו"ד ח"א מיט'ן ציל ארויסצונעמען די הוראה בעז"ה
- **70 בחורים** – דורכגעלערנט און זיך געשטעלט צום פארהער אויף גאנץ הל' מליחה אין ראם פון "חבורת יורה דעה"
- **30 בחורים** – דורכגעלערנט און זיך געשטעלט צום פארהער אויף גאנץ הל' תערובות אין ראם פון "חבורת יורה דעה"
- **8 בחורים** – דורכגעלערנט און זיך געשטעלט צום פארהער אויף גאנץ הל' שבת
- **60 בחורים** – דורכגעלערנט און פארהערט א גרויס חלק הל' שבת אין ראם פון "חבורת הל' שבת"
- **45 בחורים** – דורכגעלערנט און זיך פארהערט קרוב צו האלב הל' שבת אין ראם פון "חבורת הל' שבת"
- **50 בחורים** – דורכגעארבעט הל' שהיה והטמנה און איבערגע'חזר'ט פילע אנדערע סימנים אין "חבורת הל' שבת"
- **100 בחורים** - דורכגעטועט די גאנצע סוגיא "דמוקפין חומה" אויף יו"ט פורים
- **70 בחורים** – איבערגע'חזר'ט און זיך פארהערט הונדערטער בלעטער גמרא פון פילע מסכתות אין ש"ס (סך הכל איבער 9,000 בלאט גמרא) אין ראם פון "חבורת ים התלמוד"
- **78 בחורים** – דורכגעלערנט און קונה שלימות געווען פילצאליגע גרויסע מקצועות בתורה אין די פרייע צייטן, וצב"ש: גרויסע חלקים אין הל' שבת, גרויסע חלקים אין שו"ע חושן משפט, הל' או"ח ח"א, הל' מגילה, הל' פסח, הל' צדקה, אלע זעקס חלקים פון משנה ברורה, און נאך

## אשרינו מה טוב חלקינו,
## ומה נעים גורלינו, ומה יפה ירושתינו!

בחור כהלכה, לכתר תורה זכה,

לימודיו יאמרו לו, כי לו נאה כי לו יאה!

# אשרי מי שבא לכאן ותלמודו בידו!

בעמדינו כעת בשלהי זמן החורף שתלי"ת עבר לטובה

בהצלחה מרובה, ובחורי הישיבה התעלו מעלות רמות בתורה כ"א לפום דרגה דילי' בעז"ה

הננו להעלות על נס הני בחורי חמד המצויינים, תלמידים חשובים, כולם אהובים, הנחמדים מזהב ומפז רב, עוסקים בחוקי חורב, חכם ממתקים מנופת צוף וכל טעם ערב

## שזכו בעז"ה לראות ברכה בעמלם ולהתעטר בכתר תורה, להבחן על מקצועות שלימות בשפה נעימה וברורה

אצל הרבנים הגאונים ובראשם כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א - במשך זמן החורף שנת תשע"א העעל"ט

### - הלכתא רבתי לשבת -

**כמר אברהם שווארץ נ"י**
בן מו"ה עזריאל עמרם הי"ו

**כמר יעקב פריעדמאן נ"י**
בן מו"ה משה זאב הי"ו

**כמר חיים צבי מויזקאפף נ"י**
בן מו"ה אלעזר הי"ו

**כמר קלמן אליעזר מאלאח נ"י**
בן מו"ה שאול חיים הי"ו

**כמר מאיר משה שפיטצער נ"י**
בן מו"ה שמואל צבי הי"ו

**כמר יוסף יצחק אייזיק לאנדא נ"י**
בן מו"ה מרדכי לייב נ"י

**כמר יוסף לאנדא נ"י**
בן מו"ה אברהם שלום הי"ו

### - יורה יורה כדת של תורה -

**הרב יואל אשכנזי שליט"א**
בן הגה"צ רבי חנוך העניך שליט"א

**כמר אהרן העניך טייטלבוים נ"י**
בן מו"ה חיים אלי' הי"ו

**כמר יואל מענדלאוויטש נ"י**
בן מו"ה אברהם הי"ו

**כמר יחיאל מיכל בערקאוויטש נ"י**
בן מו"ה יושע אהרן הי"ו

**כמר לייבוש גרינפעלד נ"י**
בן הר"ר חיים מאיר שליט"א

**כמר שמואל שמעלקא קליין נ"י**
בן הר"ר שלום יונתן שליט"א

**כמר ישעי' שלום פאלאטשעק נ"י**
בן מו"ה שמואל זאנוויל הי"ו

**כמר ארי' וויינבערגער נ"י**
בן הר"ר ברוך שלמה שליט"א

**כמר עמרם בראך נ"י**
בן מו"ה ישראל יעקב הי"ו

**כמר יואל בודק נ"י**
בן מו"ה מאיר מרדכי איכל הי"ו

**כמר ישעי' שלום פאלאטשעק נ"י**
בן מו"ה שמואל זאנוויל הי"ו

**כמר נתן נטע משה ווידער נ"י**
בן מו"ה יושע שמואל הי"ו

### - אלף דפים גפ"ת -

**כמר שלמה ווערצבערגער נ"י**
בן הר"ר זאב דוד שליט"א

**כמר יוסף ברוך זאלדאן נ"י**
בן מו"ה בנציון אלי' הי"ו

### חמש דפים גמרא בע"פ:

**כמר משה יושע ווייס נ"י**
בן מו"ה ישעי' מנחם הי"ו

## כה לחי! עלו והצליחו, בחצרות בית ה' יפריחו!

יהי רצון שתזכו להמשיך הלאה ולעלות מעלות בתורה כאות נפשיכם, ולתפארת הוריכם ומשפחותיכם, וזכות התורה הק' יעמוד בעדיכם, להתברך בכל משאלות לבבכם כל ימיכם, עדי נזכה לביאת הגואל במהרה בימינו, ומלכינו רבינו שליט"א בראשינו אמן.

# יורה יורה ידין ידין...

שיעור א' - שטראלן פון הנאה און קורת רוח האט זיך אנגעזען אויפ'ן פנים פון הגה"צ דומ"ץ קרית יואל שליט"א בעל אגלי דבש, במשך די פארגאנגענע וואכן, בשעת דער דיין שליט"א האט פאהערט צענדליגער חשוב'ע בחורים מערערע סימנים אין שו"ע הל' יו"ד ח"א.




צווישן די פילע לימודים אין די ישיבה, האבן צענדליגער בחורים גענומען אויף זיך א ספעציעלן ציל קונה שלימות צו זיין די וויכטיגע הלכות פון יו"ד ח"א, צו קענען בעזה"ה ארויסנעמען די 'הוראה' ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים.

במשך די פארגאנגענע חדשים האבן די בחורים דורכגעלערנט מערערע וויכטיגע סימנים און מקצועות אין הל' יורה דעה ח"א, באזונדער גאנץ הל' מליחה, וואס מען האט גרונטליך דורכגעלערנט און מסיים געווען.

מיט עטליכע וואכן צוריק איז דער קרית יואל'ער דיין שליט"א אריבערגעקומען פארהערן מערערע בחורים גאנץ הל' מליחה, און פילע אנדערע בחורים אויף אנדערע מקצועות אין יו"ד וואס מען האט געלערנט במשך דעם זמן.

הזורעים בדמעה ברנה יקצורו.

# א כשר'ן פסח' מיט 60 בלאט פון מס' פסחים...

שיעור ב' - צווישן די פילצאליגע חבורות בהיכל הישיבה שיעור ב' איז במשך דעם ווינטער זמן אנגעגאנגען א חשוב'ע חבורה "פסחים למנויי", אין וועלכע צענדליגער חשוב'ע בחורים זענען געווען אנגעשלאסן מיט'ן ציל דורכצולערנען וואס מער בלעטער גמרא אין מס' פסחים און זיך שטעלן דערויף צום פאהערער.







די חשוב'ע בחורים האבן זיך גענומען פאר א ציל צוצוגיין צום יו"ט פסח מיט האלב מסכתא אין די האנט, וואס מ'זאל גוט קענען כמונח בקופסא.

עס איז טאקע געווען אן ערהאבן בילד צו זעהן ווי במשך די פארגאנגענע חדשים, בפרט אין די נעטערע וואכן פאר פסח, ווי די בחורים האבן זיך מזרז געווען אין די לימודים, געלערנט, זיך פאהערט און ב"ה זוכה געווען מסיים צו זיין דעם זמן מיט האלב מסכת פסחים אין די האנט.

לאות הכרת הטוב זענען פארטיילט געווארן פאר די תלמידים מצטיינים דער נייער חיבור ומשה הי' רועה חלק חמישי, וואס איז נארוואס ערשינען אויף די הילולא קדישא פון רביה"ק בעל ברך משה זצ"ל.

אשרי מי שבא לכאן ותלמידו בידו.

# הדר קבלוה ברצון...




שיעור ב' - פארגאנגענעם חודש אדר במשך די ימי הכנה צו יו"ט פורים, האבן די חשוב'ע תלמידי הישיבה פראקלאמירט א "חבורת רציפות קימו וקבלו", מיט'ן ציל צו פארווירקליכן דעם קימו וקבלו באהבה וברצון, זיך צוצוגרייטן צום הייליגן יו"ט באורה זו תורה.

די בחורים האבן זיך מקבל געווען צוצוגרייטן צום פורים מיט פופציג שעות רצופות תורה, וואס זיי האבן ב"ה באוויזן מיט א געוואלדיגע התמדה און חשק, א דאנק זייער פעסטע עקשנות און אהבת התורה.

לתועלת הענין איז פארטיילט געווארן ספעציעלע קארטלעך אין וועלכן די בחורים האבן זיך פארצייכנט און געהאלטן חשבון אויף די שעות רצופות, און לאות הכרת הטוב איז אויסגעראפעלט געווארן א טייערע 'מגילה' פאר די אלע בחורים מצטיינים.

ליהודים היתה אורה זו תורה.




# דעם רבי'נס שיעורים

שיעור ב' – א הערליכער ארבעט האבן די חשוב'ע תלמידי הישיבה ארויסגעגעבן פון זייער הענט, מיט'ן

צוזאמנעמען לפונדק אחד און הערליך אפדרוקן אלע סוגיא שיעורים וואס דער רבי שליט"א האט משמיע געווען אין די סוגיא פון "דבר שיש לו מתירין" במשך די סוף זמן וואכן בהיכל המתיבתא.

ווי שוין באריכטעט האט מען צווישן פורים און פסח עוסק געווען אין די ישיבה בלימוד סוגיא דבר שיש לו מתירין, וואס אויסער די רעגלמעסיגע שיעורים האבן די הונדערטער בחורים געהאט די זכי', אז דער גרויסער ראש הישיבה כ"ק מרן רבינו שליט"א איז ספעציעל אריבערגעקומען אין די ישיבה און פארגעלערנט די הערליכע סוגיא שיעורים, וואס האט אריינגעברענגט א שטארקע רוח התורה אין די ישיבה.

יעדע סוגיא שיעור פון רבי'ן איז געווען א עקסטערע תענוג רוחני סיי מיטצוהאלטן פערזענליך און סיי אויסצוהערן און קענען שפעטער איבערלערנען די הערליכע חידושים וביאורים וואס דער רבי שליט"א האט מחדש געווען אויף די סוגיא כמעיין המתגבר. לאור זה האבן די חשוב'ע בחורים דאס הערליך מסדר געווען און ארויסגעגעבן אלס א שיינעם קונטרס.

ביי די גרויסארטיגע מסיבת סיום הזמן איז דער שיינער קובץ חידושי סוגיות מהר"א ט"ב פארטיילט געווארן פאר אלע משתתפים, וואס די הונדערטער בחורים און אלע רמ"י הישיבה פון אלע אפטיילונגען האבן אויפגענומען מיט גרויס שמחת התורה, און מיט דעם גוטן טעם זיך געזעגענט פונעם זמן.

# מ'קאכט זיך אין די סוגיא...

שיעור ג' - במשך די פארגאנגענע וואכן איז געווען א נחת אריינצוקומען אין היכל הישיבה שיעור ג' און מיטהאלטן מיט וואספארא קאך די חשוב'ע בחורים זענען עוסק אין לימוד ה'סוגיא דבר שיש לו מתירין'.

דער היכל הביהמ"ד האט געהילכט מיט א קול תורה, אלעס איז געווען איינגעהילט אין די סוגיא; דא האט מען געזען בחורים זיך מפלפל זיין צווישן זיך, אנדערע האבן באלאגערט די מגידי שיעורים טישלעך, אזוי אז דאס גאנצע ביהמ"ד האט געלעבט אין לערנען.

באזונדער זענען פארגעקומען כמעט יעדן טאג הערליכע סוגיא שיעורים פארגעלערנט דורך הרה"ג ר' אלי' סימאן שליט"א, און במשך די ציים וואס דער גרויסער ראש הישיבה כ"ק מרן רבינו שליט"א איז אריבערגעקומען פארלערנען די סוגיות אין היכל הביהמ"ד פון שיעור ב', זענען די תלמידים פון שיעור ג' אהין אריבערגעגאנגען און מיטגעהאלטן די הערליכע שיעורים פונעם רבי'ן שליט"א.

אין צוזאמענהאנג מיט'ן לימוד הסוגיא האבן די געטרייע גבאים פון חברה קנין ספרים פון שיעור ג' אינאיינעם מיט די חשוב'ע גבאים פון 'חברה סוגיות' ארויסגעגעבן א נייע הערליכע 'סוגיא' קובץ, אין וועלכן די הונדערטער תלמידים פון אלע היכלי המתיבתא האבן זיך באנוצט בעת לימוד הסוגיא.

די 'סוגיא' קובץ איז א הערליכע מייסטערווערק פון קרוב צו 400 זייטן, וואס איז צוזאמגעשטעלט געווארן דורכ'ן לאנגיעריגן עורך הסוגיות הרה"ג ר' אלי' סימאן שליט"א, מיט די צוהילף פון נאך צוויי חשוב'ע תלמידים פון שיעור ג', הב' יעקב יוחנן ברוין נ"י און הב' יואל קלאגסבאלד נ"י ואתם עמם די 'חברה סוגיות'. א גרויס חלק פון די הוצאות איז נתנדב געווארן דורכ'ן בארימטן ראש וראשון לכל דבר שבקדושה הטפסר המרומם ר' יצחק מארקאוויטש הי"ו, וועלכער האט דערמיט זוכה געווען צו האבן א חלק אין דעם גרויסן תורה'דיגן זיכוי הרבים.

אשרי מי שעמלו בתורה.



סוגיא

דבר שיש לו מתירין



ישיבה גדולה ומתיבתא תורה ויראה דרבינו יואל ד'סאטמאר

חבורת "בדיקה וביטול"

לאסוקי שמעתתא אליבא דהלכתא

מודעה נחוצה

היום בסדר לפנה"צ יהי' שיעור נפלא לכל תלמידי החבורה ע"י

הרה"ג ר' אלי' סימאן שליט"א

בשעה 4.45 בהיכל ישיבתינו הק' בעזר"ה

בענין הנלמד בדף ב' ע"א יום ולילה, עלות השחר וצאת הכוכבים, שיטת הגאונים ושיטת ר"ת, שנחוץ מאד להרבה דינים להלכה ולמעשה.

שיעור השבוע פרשת תולדות, דף ב' ע"א מתחילים הגמרא אחר המשנה, גפ"ת עד דף ג' ע"א תא שמע דתנא דבי שמואל, ומי שלא גמר השו"ע סי' תל"ד ס"ב וס"ג, יגמור השו"ע עם שו"ע הרב.

# הדרן עלך הלכות שבת...



חבורת "שהיה והטמנה"

מודעה חשובה

שיעור השבוע בסדר אחצ"ה, להתחיל סימן רנ"ד, טור וב"י שו"ע והגו"כ, עד סעיף ג'.

אין לו להקב"ה בעולמו אלא ד' אמות של הלכה בלבד

שיעור ג' - דער יעצטיגער סיום הזמן טראגט א באזונדערע באדייט ביי די חשוב'ע בחורים וועלכע זענען אנגעשלאסן אין 'חבורת הל' שבת', אנגעפירט דורך הרה"ג ר' מאיר לייב קטינא שליט"א, וועלכע האבן אינאיינעם מיט'ן סיום הזמן מסיים געווען גאנץ הלכות שבת, וואס מען האט במשך די זמן דורכגעלערנט מיט גרויס יגיעה והתמדה, מיט'ן ציל זיך קונה שלימות צו זיין אין די וויכטיגע הילכתא רבתי לשבת, וואס איז נוגע מדי שבת בשבתו.

נאך עטליכע מאל גרונטליך איבער'חזר'ן די אלע הלכות און סימנים בשו"ע, האבן זיך די חשוב'ע בחורים געשטעלט דערויף צום פארהער ביי הגה"צ ר' שמחה שלום שטיינבערגער שליט"א מרמ"י הישיבה ורב ביהמ"ד דברי חיים דקהל יטב לב דקרית יואל, וועלכער איז זייער נתפעל געווארן פון די שטארקע בקיאות און קלארקייט פון די בחורים אין די שווערע סימנים.

אצינד זענען די בחורים ווייטער ממשיך בחזרת הלימודים און גרייטן זיך צו שטעלן אויפ'ן פארהער גאנץ הל' שבת ביי כ"ק מרן רבינו שליט"א.

במצות שבת גרוסה.

# שעת"א דכולא שבתא...

שיעור א' - צווישן די פילע חבורות אין די ישיבה, פונקציאנירט דער הערליכער "חבורת נהר שלמה", אין וועלכן א גרויסער מספר בחורים זענען אנגעשלאסן און זענען מקדיש עקסטערע צייטן, אין צוגאב צו די אפיציעלע סדרי וזמני הישיבה, דורכצולערנען און קונה שלימות צו זיין די וויכטיגע הלכתא רבתי לשבת.

במשך דעם זמן זענען די בחורים גאר אסאך אנגעקומען, ס'איז כסדר געווען חזרות און מערערע קלענערע פארהערן.

אצינד צום סוף זמן איז פאראגעקומען א בחינה גדולה פון הגה"צ אב"ד דקהלתינו ווילימסבורג שליט"א, וועלכער האט גרונטליך פארהערט די בחורים אויף אלע לימודים וואס מען האט געלערנט במשך דעם זמן, און ער האט געקוואלן פאר נחת און התפעלות צו זעהן מיט וואספארא קלארקייט די בחורים ענטפערן אויף יעדע איינציגע שאלה פון די שווערע סימנים אין שו"ע.













# בשעה שהחכם יושב ודורש...

שיעור ב' - אויסער וואס במשך א גאנץ זמן קומען כסדר פאר שיעורים כללים בהלכה אין מערערע מקצועות בתורה וואס ווערט אדורכגעלערנט אין די ישיבה, איז אין די לעצטערע וואכן פאר פסח פארגעקומען באזונדערע שיעורים כללים בהלכות החג, וואס האט געצויגן א גרעסערער מספר בחורים צו קומען קונה זיין די וויכטיגע דיני החג.

די שיעורים זענען געגעבן געווארן דורך הגה"צ ר' שמחה שלום שטיינבערגער שליט"א ר"מ בישיבה ורב ביהמ"ד דברי חיים בשכונת עצי תמרים קרית יואל, וועלכער האט בטוב טעם ודעת אויסגעשמועסט פארשידענע וויכטיגע און אקטועלע ענינים, וואס קומען אויס במשך די ימי הפסח, וצב"ש: דיני תענית בכורים, דיני לילי הסדר, דיני חול המועד און נאך.

לדעת את המעשה אשר יעשון.

# דורשין הלכות חג בחג

שיעור ג' - מיט גאר א העכערע בחינה און טעם האבן די חשוב'ע בחורים אפגעראכטן די הייליגע מצות פון יו"ט פורים העעל"ט, און טוען אצינד אפרעכטן דעם הייליגן יו"ט פסח מיט אירע געהויבענע מצות, נאכדעם וואס מען האט אדורכגעלערנט די הלכות לשמור ולעשות ולקיים.

בעפאר יו"ט פורים האט די חשוב'ע "חבורת שונה הלכות" אנגעפירט דורך הרה"ג ר' אברהם מאיר מארקאוויטש שליט"א עוסק געווען אין דורכלערנען מסכת מגילה און אויך וויכטיגע הלכות לפורים, וואס א גרויסער מספר בחורים האבן ב"ה מסיים געווען פאר פורים, און ס'איז דאן פארגעקומען א הערליכער מעמד הסיום מסכתא.

במשך די לעצטערע וואכן פאר פסח האט די חבורה דורכגעלערנט בעיון די הלכות פון די לילי הסדר וכדו', מיט'ן ציל צו באקומען א נענטערע ידיעה אין די הייליגע מצות וואס מען איז מקיים, כדי מען זאל לעבן דערמיט און שפירן אן אמת'ן געפיל און גליקליכקייט וואס דאס מיינט 'ותתן לנו ה' אלוקינו מועדים לשמחה חגים וזמנים לששון'.

מה המצוה הזאת ומה טעם יש בה

# "צדקה" הלכה למעשה...

שיעור ג' - ס'איז נישט בלויז וואס די חשוב'ע תלמידי הישיבה זענען באריכט אלס בעלי צדקה טוענדיג בפועל ממש עוסק זיין און ארומגיין נאך צדקה, נאר אויך זענען די חשוב'ע בחורים מצויינים בהל' צדקה אין שו"ע חושן משפט, וואס זיי האבן לעצטענס אדורכגעלערנט גרונטליך לאסוקי שמעתתא אליבא דהילכתא.

במשך די פארגאנגענע וואכן פון פורים ביז פסח, ווען הל' צדקה איז מענינא דיומא, האט די באריכטע "חבורת חושן משפט" אנגעפירט דורך הרה"ג ר' שלמה שווארץ שליט"א גרונטליך דורכגעלערנט הל' צדקה משו"ע, אנגעהויבן פון די גמרא ביז די ראשונים ואחרונים, וואס די חשוב'ע בחורים האבן דורכגעטועט בעיון רב און ארויסגעקומען דערמיט זייער קלאר הלכה למעשה לאסוקי שמעתתא אליבא דהילכתא.

וצדקה תהי' לנו כי נשמור לעשות.

# זכור ימות עולם...

שיעור ב' - דער עלטערער דור געדענקט נאך מעגליך גוט די שטורמישע תורה'דיגע מערכה אין די אנהייב כ' יארן בנוגע זמן קריאת המגילה אין ירושלים, און די חילוקי דעות פונעם רבי'ן זי"ע און די חברי ביד"צ העדה החרדית, אבער די היינטיגע סאטמארער בחורים ווען נישט וואס מ'רעדט פון דעם, מען הערט דערפון און מען טוט אדורך די סוגיא, פון וואו דען זאל מען האבן א ידיעה דערין?

לאור זה איז ארויסגעקומען א הערליכע קובץ "סוגיא דמוקפין חומה", אין וועלכן עס איז צוזאמגעקליבן געווארן לפונדק אחד די גאנצע סוגיא, וואס די בחורים האבן גרונטליך אדורכגעטועט, אנגעהויבן פון די גמרא בבלי וירושלמי, אלע ראשונים ואחרונים ביז'ן בריוו פונעם חזון איש, וואס פון דעם האט דער רבי זי"ע און דער ביד"צ עדה החרדית געפאסט זייער דעת תורה.

מיט דעם האבן די בחורים באקומען א קלארן בליק אויף א שטיקל היסטאריע וואס האט בשעתו אויפגערודערט די גאנצע תורה וועלט.

בינו שנות דור ודור.



ק.י.ה.

איינדרוקן נאך א באזוך פון א זיידע, פארגאנגענעם ר"ח ניסן

# אויסער א תורה פאבריק, וואס נאך?...

פ א ר וו א ר ט :

ניין! איך בין נישט קיין פרעמדער, איך בין גענצליך נישט קיין גאסט אין די ישיבה. איך האב ב"ה אליינס זוכה געווען נתחנך צו ווערן אין די הייליגע ישיבה, נאך בחייו פונעם גרויסן מייסד אליין, רבינו הגדול בעל דברי יואל זי"ע. שפעטער האב איך אויך אהערגעשיקט מיינע קינדער אויסצושטייגן אין די תורה ויראה אטמאספערע, און היינט האב איך שוין צוויי אייניקלעך אין די ישיבה.

ס'איז נישט דאס ערשטע מאל וואס איך פאר ארויס קיין קרית יואל און איך שטעל זיך אפ אין ישיבה, יעדעס מאל ווער איך באגייסטערט פונעם קול תורה, פון די דאווענען וכדו'. דאסמאל האב איך אבער מיטגעהאלטן פערזענליך אויך 'נאך' פרטים, וואס דאס האט ערוועקט אין מיר א זעלטענעם הרגש, וועגן דעם שפיר איך איצטערט אלס א דבר בעתו דאס מיטצוטיילן מיט'ן ציבור.

געווען איז עס פארגאנגענעם מאנטאג פ' טהרה, ערב ראש חודש ניסן. כ'האב פונקט געטראפן א קאר ארויס קיין קרית יואל, וואס פארט צום ציון הק', האב איך נישט געטראכט קיין סאך, כ'האב זיך מיטגעכאפט, ויסעו!

צום ערשט בין איך ארויסגעגאנגען אויפ'ן פעלד און א לענגערע צייט מתפלל געווען אינעם אוהלה הק' פון רבותינו הק' זי"ע.

דערנאך האב איך געטראכט, אז איך בין שוין דא, לאמיר שוין אריינגיין אויף אביסל כאפן א בליק וואס ס'טוט זיך אין אונזער ישיבה, וועלמיר גיין שעפן נחת פון די אייניקלעך.

געפלאנט האב איך דארט צו זיין נישט מער ווי אהאלבע שעה, און באלד כאפן די באס אויף צוריק, למעשה האט מיך עס געצויגן מער און מער, און פון אהאלבע שעה האט זיך עס פארשלעפט אויף באלד 3 שעה.

צום ערשט בין איך אריינגעקומען אין היכל הישיבה שיעור א', וואו איך האב געטראפן א געפאקטן ביהמ"ד מיט בחורים, וואס רעכטן אפ א פייערדיגן דאווענען, ס'האט מיך זייער באנומען, צו זעהן מיט וואספארא ערנסטקייט די בחורים דאווענען. יעדער שטייט אויפ'ן פלאץ, מען שאקלט זיך, מען דאווענט הויך אויפ'ן קול. כ'האב שוין אזאנס לאנג נישט געזען, ס'איז מורא'דיג.

אזוי ווי כ'האב געהערט אז דער רבי שליט"א געפינט זיך פונקט יעצט אין היכל הישיבה שיעור ג', האב איך שנעל געמאכט מיינע טריט אהין און געגאנגען קוקן וויאזוי ס'קוקט אויס א דאווענען מיט'ן רבי'ן. יא! ס'האט זיך מיר געלוינט זיך אנצושטערענגען און אהינגיין, ס'איז א דאווענען ווי ס'באדארף צו זיין, ממש א עונג רוחני. ס'איז מיר אזוי דורכגעלאפן במחשבה, אז אפשר זאל איך יעדן טאג ארויסקומען דאווענען שחרית מיט'ן רבי'ן אין די ישיבה און שפעטער צוריקפארן, מיין טאג וואלט אזוי אסאך אנדערש געגאנגען...

נאכ'ן דאווענען זעה איך ווי ס'לויפן צוזאם אסאך בחורים, יעדער איז אויפגעלייגט, מען שטעלט זיך אין די רייע, עפעס אינטערעסאנט מוז דא פארקומען, שטעל איך אפ עמיצער: זאג נאר וואס גייט דא פאר? פארציילט ער מיר, אז די אלע בחורים וואס זענען געגאנגען נאך געלט במשך די ימי הפורים פאר'ן רבי'נס צדקה קאסע "קופת אבני חסד" און האבן מצליח געווען אריינצוברענגען א גרויסן סכום, גייען יעצט האבן די זכי' אריינצוגיין אל הקודש פנימה און באקומען א געבענטשטע מטבע פונעם רבי'ן שליט"א, און דער רבי וועט רעדן אפאר ווערטער.

דאס האט מיך זייער איבערגענומען! אזוי? די בחורים לעבן טאקע מיט דעם? כ'בין זיכער געווען אז ס'איז נישט גרינג און מען כאפט זיך נישט צו דערצו, אויב עפעס איז עס נאר אן עול, אבער אזוי? מען לעבט דא גאר מיט צדקה וחסד? ס'איז גאר א זכי'? ניין, כ'האב עס נישט געגלייבט.

*

בקיצור, שפעטער נאך א שטיק צייט, נאכדעם וואס

די בחורים זענען צוריקגעקומען פון פרישטאג - וואס אגב וויל איך באמערקן, אז אפילו בשעת פרישטאג איז נישט ליידיג געווען דאס ביהמ"ד, נאר כ'האב באמערקט פילע בחורים עוסק זיין אין פארשידענע מקצועות – קום איך צוריק אין די בתי מדרשים, צוערשט אויבן אין היכל הישיבה שיעור א', און ס'איז מורא'דיג וואס איך זעה; די בחורים קאכן זיך אין די סוגיא פון דבר שיש לו מתירין, ס'איז צוגעשטעלט ספעציעל דיקע קובצים פאר די סוגיא, דער ביהמ"ד לעבט, די מגידי שיעורים זענען זיך מפלפל מיט די בחורים, איינער לערנט די גמרא, א צווייטער קאכט זיך אין א רא"ש, א דריטער טוט אדורך אנדערע ראשונים ואחרונים, אלעס לעבט, ממש א מחי'.

**איך דריי זיך ארום אין די קארידארן פון די ישיבה, איך ליין אפ די צעטלעך פון די ווענט, ס'איז באהאנגען פון אלע מיני סארט מודעות; מעלדונגען וועגן שיעורים כללים פאר פסח, וועגן חזרת הלימודים, א פארהער אויף חבורות יורה דעה, סדר היום פאר'ן סיום הזמן, און נאך, אבער אויף גאר א צווייטע נקודה און עפעס אנדערע סארט מודעות שטעלט זיך אפ מיינע אויגן.**

"טייערע בחורים! ס'איז שוין סוף זמן! געדענקט אויסצוצאלן אייערע התחייבות פאר די קופות הצדקה פון די ישיבה".

דער צעטיל דערמאנט איבער די התחייבות וואס דער רבי זי"ע האט בשעתו ארויפגעלייגט אויף די בחורים צוצוהעלפן פאר די קופת בחורים וכדו'.

און די גרויסע ברכות וואס ער האט געוואונטשן פאר אלע תלמידים. דערנעבן זעה איך א מודעה פון קופת אבני חסד וועגן טיילן געבענטשטע מטבעות פאר די בחורים, וואס כ'האב פריער טאקע מיטגעלעבט.

אט דאס איז דער הויכפונקט פון מיין התפעלות! פאר דעם האב איך געדארפט קומען היינט אין די ישיבה. יא! כ'האב געזען א פייערדיגע דאווענען, יא! כ'האב געזען ווי די בחורים קאכן זיך אין לערנען, אבער יא! כ'האב אויך געזען ווי 'חסד' איז פון די הויפט טעמעס אין די ישיבה, די בחורים ווערן אויפגעצויגן אין א חסד אטמאספערע, אזוי ווייט אז ס'איז ממש א טייל פונעם סדר החיים, מען זעהט דאס נישט אין נאך ישיבות.

*

## ווען דער רבי האט געהערט פון דעם האט עס אים זייער פארדראסן, ער האט ממש אויפגעציטערט, און כ'געדענק אז ער האט זיך דעמאלטס אויסגעדריקט "אז מען קען נישט א טובה טוהן פאר א איד, וואס טויג מיר די גאנצע ישיבה?"

דערנאך גיי איך אראפ אין אין היכל הביהמ"ד פון שיעור ב', ווער איך איבערראשט וואס מיינע אויגן זעהן; אלע בחורים פון אלע שיעורים קומען זיך צוזאם, דער ביהמ"ד ווערט געפאקט עד אפס מקום. דער רבי שליט"א קומט אריין און לערנט פאר די סוגיא פאר אלע הונדערטער תלמידי הישיבה מיט א פייערדיגע קאך, ס'הערשט א ריתחא דאורייתא, ס'לעבט זיך, אלעס האלט מיט די סוגיא, מגידי שיעורים פרעגן אריין.

ס'איז מיר געקומען טרערן אין די אויגן, כ'האב מיך דערמאנט די זכרונות וויאזוי דער רבי זי"ע האט נאך פארגעלערנט די סוגיא שיעורים אין די ישיבה. איי וואספארא מחזה נרגש איז דאס געווען, וואספארא חיות התורה דאס האט געברענגט. איי איז דאס א נחת, ווען מ'האט די זכי' צו זעהן ווי ס'ווערט שוין נמשך פאר דאס דריטע דור. ס'איז באמת אומגלויבליך, ס'קוקט גארנישט אויס אז ס'איז יעצט סוף זמן...

*

אבער דא וויל איך צוקומען צו מיין הויכפונקט.

שטייענדיג אזוי ביים וואנט צוגענאגלט צו די מודעות האב דאס מיר צוריקגעברענגט צו אלטע זכרונות.

איך דערמאן זיך פון די בראשית יארן אין די ישיבה. ס'איז געווען איינמאל אנהויב א זומער זמן, ביי א סיום מסכת ופתיחת הזמן, ווען טראצדעם וואס אין יענע יארן פלעגט דער רבי כמעט נישט קומען אין די ישיבה זאגן א פתיחה, איז אבער דער רבי דעמאלטס יא אריבערגעקומען און גע'דרש'עט א לענגערן שילוב ווי ער האט משלב געווען מס' בבא קמא וואס מען האט נארוואס מסיים געווען מיט מסכת בבא מציעא וואס מען האט יענעם זמן אנגעהויבן צו לערנען, און ער האט שטארק ארומגערעדט וועגן חסד אין די ישיבה.

אין יענעם יאר ערב פסח האט פאסירט אזא מעשה. געווענליך איבער'ן יאר פלעגן בחורים אפט גיין אין די שפיטעלער ארויסהעלפן און טראגן עסן פאר קראנקע אידן. דא איז אבער געווען ערב פסח ווען די בחורים זענען נישט געווען אין די


קופת בחורים
דישיבה תורה ויראה דסאטמאר ברוקלין
לראי' כיד הבחור ____ נ"י
שניתן רשות לקבץ מעות עבור קופת הבחורים
דישיבה תורה ויראה [illegible]:
יום ____ פרשת ____ שנת ____ לפ"ק
בעה"ח יום-ופ' הנ"ל
גבאי' דקופת בחורים


קופת בחורים
...ה רבינו יואל סאטמאר
יום ... חודש ...... שנת תש"...
לכבוד ר' ...... נ"י
נא לחת לחטובי"ו ה"ב ...... נ"י
על חשבונכם ...... סך
בכבוד רב ......

ישיבה און מען איז געקומען זוכן א בחור וואס זאל גיין אין שפיטאל טראגן עסן פאר איד, למעשה האט מען געטראפן איין בחור ביים מצות באקן וואס ער איז געווען א קנעטער, און ער האט נישט געהאט קיין חשק איבערצולאזן דאס קנעטן און גיין אין שפיטאל, על כן האט ער זיך אנטזאגט דערפון און ער איז נישט געגאנגען.

ווען דער רבי האט געהערט פון דעם האט עס אים זייער פארדראסן, ער האט ממש אויפגעציטערט, און כ'געדענק אז ער האט זיך דעמאלסט אויסגעדריקט "אז מען קען נישט א טובה טוהן פאר א איד, וואס טויג מיר די גאנצע ישיבה?"

מען האט געזען ווי ס'גייט דעם רבי'ן בנפשו, ווען דעמאלסט אנהויב זמן ווען דער רבי איז אריבערגעקומען אין די ישיבה און ער האט גערעדט צו די בחורים, האט ער אויסגעניצט די געלעגענהייט און ער האט גערעדט איבער מידות טובות און מצות גמילות חסדים וואס יעדער איד איז זיך מחויב אוועקצוגעבן דאס לעבן א טובה צו טוהן פאר א צווייטן איד.

דער רבי האט ארומגערעדט וויאזוי א בחור א בן תורה דארף זיך אויפפירן, דהיינו ער דארף זעהן אז די תורה זאל אים צוברענגען צו מצוות ומעשים טובים, ובעיקר צו גוטע מידות, ווייל דאס איז דער כח התורה אז עס איידעלט אויס א מענטש.

אמת! דאס אז די בחורים שטייען אויף פארטאגס און מ'לייגט א דגוש דערויף, איז א סימן מוכח אז ס'איז דעם רבי'נס ישיבה; אמת! דאס אז מ'האלט זיך שטרענג צום ארגינעלן סדר הלימוד פון די אמאליגע ישיבות, וויאזוי דער רבי האט דא איינגעשטעלט, איז א סימן מוכח אז ס'איז דעם רבי'נס ישיבה; אמת! דאס די בחורים האלטן זיך פעסט צום רבי'נס תקנה נישט צו גיין אויף חתונות, איז א סימן מוכח אז ס'איז דעם רבי'נס ישיבה; אמת! דאס אז די בחורים ווערן נתחנך מיט א ברען פאר מצות, דער רבי שליט"א רעדט אלץ דערפון, איז א סימן מוכח אז ס'איז דעם רבי'נס ישיבה; אמת! דאס אז די בחורים גייען וועכנטליך דורך א גרונטליכע פארהער, איז א סימן מוכח אז ס'איז דעם רבי'נס ישיבה; אמת! דאס אז די בחורים ווייקן זיך אין דעם רבי'נס ספרים, מען הערט כסדר - ובפרט יעדן מוצ"ש - א דרשת השקפה בעניני אמונה ודיעות, איז א סימן מוכח אז ס'איז דעם רבי'נס ישיבה.

אבער.. דאס אז די בחורים זענען אויך נישט מסיח דעת פון מידת החסד, מ'ווערט אזוי אויפגעצויגן אז א סאטמארער תלמיד מיינט מסירת נפש פאר א צווייטן איד, מען נעמט זיך בחפץ לב אונטער התחייבות'ן, מען גייט כסדר נאך געלט מיט א חשק און א ברען, מ'רעדט דערפון כסדר, מ'מאכט אן עסק דערפון, דאס זאגט נאך מער פון אלעם! ס'איז טאקע נישט קיין גרויסע יחוס אין די ישיבה וועלט, אבער אז אין די ישיבה גדולה ד'סאטמאר קרית יואל איז עס יא א גרויסע יחוס, איז דאס פון די גרעסטע הוכחות אז דאס איז דעם רבי'נס ישיבה!


קופת גמ"ח וחברא בחורים
דמתיבתא תורה ויראה
חברת קופת בחורים





דער רבי שליט"א טיילט געבענטשטע מטבעות פאר די בחורים וואס האבן אריינגעברענגט שיינע סכומים פאר "קופת אבני חסד"

*

קיין סאך צייט איז מיר שוין נישט געווען. כ'האב זיך שוין געמוזט איילן און ארויסגיין פון די ישיבה, אבער מיינע געדאנקען זענען נאך געבליבן אונטערשטעליג אין די ישיבה. כ'וועל אייך מיטטיילן מיינע געדאנקען וואס איך האב געטראכט דאס גאנצע וועג ארויס פון די ישיבה.




# שם חלקת מחוקק ספון

אידער איר גייט ארויף
צום ציון הק' לייגט צו
דעם פאסיגן **"פדיון"**
צו אייער **"קוויטל"**
דורכן זיך אנצושליסן
מיט גרעסערע סכומים
להחזקת ישיבתינו

## זכותו יגן עלינו

ארום די טעג פון הילולת

**מרן רביה"ק**
**בעל ברך משה זי"ע**

געדענקט וויפיל כוחות דער רבי זצ"ל האט
איינגעלייגט מרומם צו זיין דעם קרן

***ישיבתינו הק'***

דער אויסטערלישער קורת רוח וואס דער
רבי זצ"ל האט אלץ געהאט הערענדיג
די גוטע גריסן פון די הייליגע ישיבה איז
אומפארגעסליך!

**ביתר שאת ווערט עס**
**ב"ה ווייטער נמשך לשם**
**ולתפארת**

# זאת התורה אשר שם משה

## דעם רבי'נס עבודת הקודש אין הרבצת תורה ויראה



צו די בעפארשטייענדע הילולא קדישא פון

**רביה"ק בעל ברך משה זי"ע, כ"ו ניסן**

### פארווארט:

צו די בעפארשטייענדע הילולא קדישא פון אבינו רועינו מרן רבינו הגה"ק בעל ברך משה זי"ע, ברענגען מיר דא אראפ א רייכן ארטיקל פון פארשידענע אינטערעסאנטע פרטים, מאמרים און געדאנקען איבער דאס הרבצת התורה ביי רבינו הק' בעל ברך משה זצ"ל, וואס ברענגט ארויס דאס אויסנאמליכקייט און טיפן באדייט וואס "אנפירן א ישיבה און מעמיד זיין תלמידים" האט געמיינט ביים רבי'ן זצ"ל, וואספארא יסוד ער האט געזען אין דעם, ובפרט זיין אויסערגעווענליכע התקשרות מיט'ן פעטער'ס ישיבה, די היילינגע מתיבתא אין קרית יואל, ווי ווייט ער איז געווען מקושר דערמיט, און ווי שטארק ער איז געווען צוגעבינדן מיט די תלמידים, און אזוי ווייטער.

א גרויסן ישר כח פאר די חשוב'ע מו"ל פון די בארימטע ספרי "ומשה הי' רועה", וועלכע האבן אונז ערלויבט זיך צו באנוצן מיט אסאך חומר פון זייערע ספרים. זכות הרבים תלוי בהם!

### רועי צאן עבדיך גם אנחנו גם אבותינו

אז מען וויל נאר אנהייבן צו בארירן דעם רבי'נס עבודת הקודש אין הרבצת התורה, איז וויכטיג צו ציטירן דעם לשון פון רש"י הקדוש אין פרשת בשלח אויפן פסוק אין די שירה "אלקי אבי" לא אני תחלת הקדושה אלא מוחזקת ועומדת לי הקדושה ואלקותו עלי מימי אבותי".

ביי רבותינו הקדושים לבית סיגעט איז דאס הנהגת העדה, און דאס פראווען חסידים, געגאנגען האנט ביי האנט מיט הרבצת התורה, און פירן א ישיבה פאר בחורים, דאס איז געווען א הייליגער יסוד פון וואס זיי האבן נישט געוואלט מוותר זיין און אפנויגן דערפון.

דער רבי' פלעגט דערציילן אז אין יענע יארן איז בכלל נישט געווען אזא באגריף פון פירן ישיבות ביי די חסידים. דער חתם סופר זי"ע אין פרעשבורג האט אנגעפירט מיט א גרויסע בארימטע ישיבה, און אלע זיינע תלמידים האבן ממשיך געווען צו פירן ישיבות און מרביץ תורה זיין פאר תלמידים. אבער חסיד'ישע רבי'ס האבן זיך בלויז באשעפטיגט מיט רבי'שע ענינים, מיט עבודת התפילה, און זיך אפגעבן מיט די חסידים.

דער ערשטער וואס האט צונויפגעשמאלצן אינאיינעם דעם דרך פונעם חתם סופר זי"ע אין הרבצת התורה אנצופירן א ישיבה, מיט'ן

דרך החסידות פונעם בעש"ט הק' זי"ע, איז געווען דער הייליגער ייטב לב זי"ע, וואס איז געווען ביידע, סיי א רב און סיי א רבי פאר חסידים. ער האט געפירט דאס רבנות אין סיגעט ווי אן אונגארישער רב, בכח גדול וביד חזקה, און אויפן זעלבן מהלך אנגעפירט מיט די ישיבה, מיט'ן דרך הלימוד וכדו', און בו בזמן איז ער אנגעגאנגען מיט זיין עבודת החסידות, מיט זיין הייליגע עבודת התפילה כדרך החסידים, מיטן פראווען טישן און פארברענגען מיט די חסידים. און אויפנעמען דעם ציבור וואס האט זיך געווענדן צו אים מיט קוויטלעך און משפיע זיין ישועות פאר אידישע קינדער.

אט דער הייליגער דרך האט דער ייטב לב זי"ע מדריך געווען אין זיינע הייליגע קינדער און אייניקלעך, וועלכע האבן אויף דעם זעלבן מהלך און מסורה ווייטער געצויגן די גאלדענע קייט, וואס טראץ וואס זיי זענען געווען פון די גרעסטע מנהיגים ביי כלל ישראל אשר אלפים הלכו לאורו לברך ולהתברך, האט אבער "הרבצת תורה" פארנומען ביי זיי דער הויפט פלאץ, אויף וואס זיי האבן נישט געוואלט מוותר זיין און דאס איז זיי געווען אסאך מער און וויכטיגער פון אלעם.


איבערזיכט פון הכנסות און הוצאות, מספר התלמידים וכו' פון די ישיבות סאטמאר, קערעצקי

## בדרכי אבותיו הקדושים

אויפן זעלבן הייליגן דרך איז רבינו הק' בעל ברך משה זי"ע געווען דער תופס אומנות אבותיו בידו, ווען ער איז צום ערשט אריינגעגאנגען אנצופירן מיט די ישיבת "בית דוד" אין קערעצקי בצלו פון זיין שווער בזו"ר הגה"ק מקערעצקי זצ"ל, וואס איז נמשך געווען שפעטער אין זענטא, דערנאך אין די סיגעטער ישיבה אין ברוקלין, און צום סוף אין די גרויסע סאטמארע ישיבה אין קרית יואל.

עס איז מערקווירדיג צו באמערקן אז אינעם "כתב הכתרה" דער קאנסוס וואס איז איבערגעגעבן געווארן פארן רבי'ן מוצש"ק ראה שנת תש"ם לפ"ק, ביים אומפארגעסליכן מעמד מסירת נזר הקודש פון ק"ק סאטמאר אל ראש צדיק כ"ק רבינו בעל ברך משה זי"ע, איז דארט וואו עס איז דערמאנט געווארן איבערן איבערנעמען דעם שבט הנהגה פון די קהלה קדושה, איז באזונדער ארויסגעברענגט געווארן די הנהגת הישיבה "וגולת הכותרת הישיבה הקדושה תל תלפיות שכל פיות אלי' פונים וממנה יוצאת תורה ויראה לכל העולם יפרוש עלינו כנפי אור תורתו וכו'".

דער רבי האט די ישיבה געהאלטן גאר הייליג ביים הארץ, כל ימיו האט ער כסדר גערעדט פון די געוואלדיגע זכי' וואס ער האט געהאט אויסצופירן דעם רצון צדיק און ארויסברענגען די ישיבה קיין קרית יואל און צו מאכן א ישיבה על קברו, ולאחר פטירתו האט ער זוכה געווען כי שם חלקת מחוקק ספון סמוך ונראה צו די כותלי ביהמ"ד אין וועלכן ער האט אזויפיל בלוט און שוויס אריינגעלייגט.

דאס ענין האט דער רבי מוריש געווען אויך ווייטער פאר זיינע קינדער. ווען די ערשטע שריט וואס ער האט געטון נאכדעם וואס ער איז ארויפגעגאנגען אויפן כסא הרבנות אלס ממלא מקום דודו רביה"ק בעל דבר"י זי"ע, האט ער געשטעלט בנו הגדול כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א אין שפיץ פון די ישיבה גדולה, א אומנות אבותיו הק' וואס דער רבי שליט"א איז ממשיך מיט אן אויסטערלישע דבקות און התקשרות עד אין לשער.

אזוי אויך ווען נכדו הגה"צ אב"ד דקהלתינו בוויליאמסבורג שליט"א האט איבערגענומען דאס רבנות אין אנטווערפן האט אים דער רבי געהייסן תיכף עפענען א ישיבה, זאגענדיג אז א רב מוז פירן א ישיבה.

כל ימיו אשר חיה האט דער רבי געטראפן זיין חיות אין הרבצת התורה. ווי א געטרייער טאטע איז ער געווען פאר זיינע תלמידים, און ער האט זיך אוועקגעגעבן מיט לייב און לעבן אויפצושטעלן א דור מיט תלמידים הגונים לשם ולתפארת.

## כסף נבחר לשון צדיק

מיר וועלן דא מעתיק זיין מדברות קדשו וואס דער רבי זי"ע האט געזאגט ביי א דרשה אין קליימער ביהמ"ד בשנת תשל"ט לפ"ק, וואו ער האט מרחיב הדיבור געווען איבער דעם חשיבות הענין פון פירן א ישיבה ביי רבוה"ק מסיגעט זי"ע.

"מיר ווייסן אז דער זיידע זכרונו לברכה דער ייטב


הגה"ק מקערעצקי ז"ל צו זיין זוהן ווי ער שרייבט אז זיין איידעם דער רבי האט געדאווענט פ[אר] עמוד שחרית יום ב' דר"ה "חתני הרב נ"י התפלל ביום שני שחרית"

אזא מין הארץ ווייטאג, ער האט מיר געזאגט דעמאלטס "ווי קענסטו דענקען די ישיבה וואס איז טאג און נאכט, עיני ולבי שם ממש, מיט דעם אטעם איך, מיט דעם שטיי איך אויף פארטאגס, דאך האט עמיצער געקענט דענקען אז איך ווייס נישט וואס עס טוט זיך דארט", נישט אין רוחניות'דיגע ענינים, אין גשמיות'דיגן ענין, אזוי איז געווען ביים פעטער זאל מאריך ימים זיין (זי"ע). אזוי אויך איז געווען ביים טאטן ז"ל, איך האב עס געזעהן, אזוי איז געווען ביים זיידן ז"ל דער קדושת יו"ט, לב האט מייסד געווען די ישיבה אין סיגעט. דער ישמח משה ווייסן מיר נישט צי ער האט געהאט א ישיבה וואו עס זאל לערנען אסאך תלמידים. ער האט געהאט גרויסע מענטשן תלמידים, דער זיידע ז"ל דער ייטב לב, ליסקער רב ז"ל, און נאך".

"דער ייטב לב האט איינגעפירט א ישיבה צו לערנען יעדן טאג מיט בחורים מיט תלמידים, דאס איז געווען כל מגמתו ווי דער זיידע ז"ל דער ישמח משה שרייבט אז זיין גאנצע רצון איז מזכה זיין את הרבים, פארדעם האט ער זיך אפגעגעבן מיט די ישיבה".

"נאכן זיידן ז"ל דער ייטב לב, האט דער זיידע ז"ל דער קדושת יום טוב געפירט די ישיבה יעדן טאג. כאטש ער איז געווען געוואלדיג טרוד מיט מיט די גאנצע מדינה וואס איז געלעגן אויף אים. האט ער נישט פארפעלט קיין טאג וואס ער האט נישט געלערנט דעם שיעור עיון בעמקות גדול".

"מיין טאטע ז"ל האט נישט פארפעלט קיין טאג אין די ישיבה. דאס זעלבע איז געווען להבחל"ח דער פעטער זאל מאריך ימים זיין (זצוקללה"ה) האט נישט פארפעלט א מינוט פון די ישיבה".

"איך וועל אייך דערציילן וואס איך האב אמאל געהאט, עס איז געווען עפעס א מעשה, איך מיט נאך א רב האבן גערעדט מיטן פעטער וועגן עפעס א ענין, און דער רב איז געווען אן היימישער מענטש, ער האט זיך עפעס אויסגעדרוקט... מען האט גערעדט פון די ישיבה, נישט פון דעם רוחניות'דיגן חלק, פון די גשמיות'דיגע טייל, אז אפשר איז נישט פונקט אזוי ווי דער רבי זאגט. איך קען אייך זאגן, ער איז אויפגעשטאנען מיט


ישיבת "בית דוד" תחת הנהלת אדמו"ר הגה"צ שליט"א בקערעצקי יצ"ו
Rabinats-Schule „Beth David" unter Leitung des
Oberrabbiner Henich Majer Kerecky Podk. Rus.

בריוו פון רבי'ן זצ"ל צו די חבורה "תומכי תורה" בהנהלת הרב אלי' יונג ז"ל לטובת די ישיבה "בית דוד" אין קערעצקי, בחתי"ק "הק' משה טייטלבוים בן הגה"ק בעל עצי חיים זלה"ה אבד"ק סענטא ממנהלי הישיבה"

און אזוי איז געווען ביים ייטב לב".

"איך האב מין אסאך מאל מתבונן געווען, דער ייטב לב האט געהייסן פארן הסתלקות, האט ער מורא געהאט אז מען וועט ארויפשרייבן אויף די מציבה אזא גרויסן טיטול, אזא אדם גדול האט פארשטאנען, האט ער דאס נישט געוואלט. האט ער זיך מיישב געווען אז ער וועט זיך אליין מאכן דעם נוסח פאר די מציבה וואס מ'זאל ארויפשרייבן, און בשעת מעשה האט ער געזאגט אויף יעדע זאך פארוואס ער טוט דאס".

"האט ער געהייסן שרייבן אז "חובר חיבורים מחוכמים", "הרב המפורסם" האט ער געזאגט אז ער איז מפורסם, ער האט נישט געלאזט שרייבן הגאון הצדיק, ווייל דאס איז ער נישט, אבער 'מפורסם' איז ער, נודע בשערים, צום סוף האט ער געשריבן "העמיד תלמידים הגונים", ער האט אויפגעשטעלט תלמידים הגונים וישרים, איז מיר אייביג געווען א חידוש, אויב האט ער נישט געוואלט האבן קיין שבח, וואס האט ער געוואלט מיטן העמיד תלמידים הגונים וישרים, וועמען האט ער געוואלט פארשטיין? ממילא ספרים קען מען נאך פארשטיין ס'איז א ענין אז מ'זאל וויסן ווייל עס האט צו טון מיט לעתיד לבא, מיט עולם הבא, ס'שטייט אגורה באהלך עולמים, מ'לערנט אין די ספרים, האט ער געהאלטן אז עס איז א טובה פאר זיך, האט ער געשריבן די ספרים אז מ'זאל קענען ארייננקוקן אין זיי, אבער העמיד תלמידים הגונים, פארוואס האט ער דאס

געשריבן?".

"האב איך אינזינען געהאט - איך האב נאך געהאט די זכי' צו קענען אסאך תלמידים פון ייטב לב, און די אידן האבן געוואוסט אז אין יעדע שטאט, אין יעדע שטעטל וואו עס איז געווען א תלמיד פונעם זיידן דער ייטב לב, צי איז ער דארט געווען רב, צי איז ער געווען א דיין, צי איז ער געווען א שוחט, צי איז ער געווען א בעל הבית, איז געווען כולו אומר כבוד, מען האט געוואוסט אז דער איד איז אן ערליכער איד, וואס איז קובע עתים לתורה, אז ער איז געווען א בעל הבית צי ער איז געווען א בעל צדקה, און ער האט מסירת נפש פאר יעדן מנהג, און צו דעם אלעם איז ער געווען מלא מידות טובות וישרות, און מען האט געוואוסט אז דער איד איז א מענטש וואס מ'קען געטרויען געלט אומגעציילט, מען האט געוואוסט אז ער וועט נישט צונעמען קיינעמס, און ער וועט נישט פוגע זיין יענעם נישט בממון און נישט בנפש, נישט בכבוד, בקיצור מען האט געוואוסט דער איז א תלמיד פון ייטב לב."

"אזוי אויך, אז עס איז געווען תלמידים פון זיידן ז"ל דער קדושת יו"ט, מען האט געוואוסט, דאס איז ידוע, וואס האבן מקבל געווען און זיי האבן געהאט א ריכטיגע קבלה פון וועמען זיך צו לערנען, מען האט דאס אויף זיי געזעהן".

"דער זיידע ז"ל האט דעמאלטס געזאגט פאר דעם שרייבט ער אויף "העמיד תלמידים הגונים", האט ער געשריבן "ולא אבוש עם תלמידי" איך וועל מיך נישט שעמען מיט מיינע תלמידים "לא בזה" נישט אויף דער וועלט, "ולא בבא", און נישט אויפן עולם הבא".

"איך האב געזעהן תלמידים, ס'האט זיך געדאכט אז דער זיידע האט די תלמידים צוגעבינדן, זיי האבן געוואוסט וואס פאר א מין השגחה ער האט אויף זיי געהאט בעולם הזה, איר ווייסט דאך, דער זיידע ז"ל האט געפירט א ישיבה אזויפיל יארן, און עס איז געווען הונדערטער תלמידים, ס'האט זיך קיינער ח"ו נישט געטראפן, אז א בחור זאל חלילה עפעס פאסירן אז ער זאל גיין פון דעם עולם. מ'זעהט ביי כמה גדולים ביים חתם סופר ז"ל טרעפט מען ווי ער איז מספיד נעבעך יונגע בחורים וואס זענען אוועק, און דער זיידע ז"ל האט זיך באריהמט דערמיט אז עס האט נישט פאסירט אזוינס ער האט אויפגעפאסט אויף די בחורים בזה, און ער האט געוואלט אז מ'זאל וויסן אז ער וועט אויפפאסן אויף זיי בבא. און דאס וואס ער האט געשריבן "העמיד תלמידים הגונים", און ער האט געזאגט "ולא אבוש עם תלמידי בזה ובבא" האט יעדער פון זיי געפילט אז בזה האט ער געזעהן דעם ייטב לב, און ער מוז דארף זיך נאך טרעפן מיט אים בבא, און ער מוז זיך פירן אזוי אז דער ייטב לב זאל זיך מיט אים נישט שעמען נישט אויף דעם עולם, און נישט אויפן עולם האמת". עכתד"ק.

ווען עס האט פאסירט בשנת תשמ"ח לפ"ק אז א בחור א תלמיד הישיבה איז ל"ע נפטר געווארן, איז דער רבי געווען זייער צובראכן. יענעם טאג איז צום רבי'ן געקומען אויף א באזוך כ"ק אדמו"ר מסקולען שליט"א, און ער האט געפרעגט דעם רבי'ן ווי אזוי ער פילט, האט אים דער רבי גענטפערט "זייער א שווערן טאג האב איך געהאט היינט, מען האט היינט באגלייט א בחור פון די ישיבה"...

און דער רבי האט ממשיך געווען "ביים זיידן דער ייט"ל האט דאס נישט פאסירט, אין דרשת חת"ס איז דא א דרשה ווי ער באוויינט זייער שטארק א בחור וואס איז אוועקגעריסן געווארן"... און דאן האט דער רבי געזאגט מיט א ווייטאגליכן קרעכץ "דאס איז דאס ערשטע מאל וואס אזוינס האט זיך געמאכט ביי מיר, כ'האב עס נאך קיינמאל נישט געהאט".

די ארומיגע זענען ערשטוינט געווארן צו זעהן ווי דער רבי האט דאס גענומען ממש פערזענליך "דאס ערשטע מאל וואס דאס האט זיך געמאכט ביי מיר", וואס דאס האט געצייגט ווי דער רבי האט געהאלטן דאס אחריות אויף זיינע בחורים אין די ישיבה אזוי ווי דער ייטב לב בשעתו, און א פטירה פון א בחור האט ער גענומען ווי אן אייגענעם פארלוסט.

## קשר אמיץ וחזק

פון די ערשטע מינוט וואס דער רבי זצ"ל האט איבערגענומען דעם כתר ההנהגה פון עדת חסידי סאטמאר איבער די וועלט, איז דער רבי זצ"ל געווען מקושר צו די ישיבה הקדושה מיט א זעלטענעם קשר אמיץ וחזק, מיט א א


חבורת שובבי"ם
ה' יתד
מודעה חשובה
היום תיכף אחר תפילת
מנחה עד שעה 6:15
יחלקו לאלו הבחורים שהשתתפו
במעמד "ואתם תחרישון"
בהאפים של שיעור א'
המטבע קודש
מכ"ק מרן רבינו שליט"א
שנתברך בזיווג להבחורים שהשתתפו במעמד
"ואתם תחרישון"
ויהי"ר שברכת צדיק יחולו על ראשנו

בחורים באקומען מטבע קודש פון רבי'ן זצ"ל נאכן לערנען ברציפות בימי השובבי"ם


...ראה דרבינו יואל מסאטמאר
קרית יואל יצ"ו
הנהלה רוחנית
מודעה נחוצה

דער רבי אין ישיבה אין טאג פון ל"ג בעומר


מתיבתא תורה ויראה דרבינו יואל סאטמאר

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א



**היסטארישע דאקומענטן
פון די ערשטע כתה
פון תלמידים פון רבי'ן זצ"ל,
אין די מתיבתא
תורה ויראה דרבינו יואל**

ריכטיגען "קשר של קיימא". שטענדיג איז דער רבי זצ"ל געווען "אין" די ישיבה. דער רבי זצ"ל האט זיך געקענט געפונען מיילן מיילן ווייט אוועק פון די ישיבה, אבער זיין דעת איז שטענדיג געווען אין די ישיבה, און מען האט געזען בחוש ווי די ישיבה שטייט שטענדיג אין שפיץ פון זיינע דאגות לצרכי הכלל.



כתבי קבלה פון הגה"צ ר' זלמן לייב זצ"ל מסיגעט, און הגה"צ ר' זלמן לייב גרוס זצ"ל מבערבעשט, צום "וועד הצדקה" אין ניו יארק, פארן שטיצן די ישיבה אין סיגעט

כמים פנים אל פנים, האבן די בחורים תלמידי הישיבה א געשפירט זעלטענעם התקשרות צום רבי'ן זצ"ל. ווען די בחורים תלמידי הישיבה זענען נאר אריינגעקומען צום רבי'ן, האט מען געזען ווי עס איז געווען

די מכתבי קודש פונעם עצי חיים זצ"ל געשריבן פון מרחץ "סאבראנץ" צום וועד "צענטראל רעליף קאמיטעט", אין ניו יארק, אקעגן צו קומען שטיצן **"ישיבתו הרמה שנתייסדה זה כשבעים שנה עוד מימי אא"ז בעל ייטב לב זללהה"ה, ותלוי"ת לומדים בישיבתי קרוב לג' מאות תלמידים בשקידה וביגיעה רבה"**





די מצבה אויפן קבר פון הגה"ק מקערעצקי ז"ל אין די שטאט סאטמאר

ותחי רוח הצדיק. צורת קדשו פון רבי'ן זצ"ל האט ממש אויפגעלויכטן, און נישט בלויז ווען א תלמיד הישיבה איז אריינגעקומען, נאר אפילו ווען איינער האט אים בלויז פארציילט, אז מען האט באזוכט אין די ישיבה, און מען האט אים איבערגעגעבן א גוטן גריס פון די ישיבה, האט דער רבי זצ"ל אויפגעשיינט. אידן חסידים האבן געוואוסט, אז ווען מען וויל דערפרייען דעם רבי'ן, דארף מען אים איבערגעבן א ווארימען גריס פון די תלמידי הישיבה, דעמאלט לעבט ער אויף, און דאס דערפריידט איהם עד עומק לבבו הטהור.

ווען נאר דער רבי האט זיך געפונען אין קרית יואל, האט מען שוין געוואוסט אז דאס דאווענען איז מוקדש פאר די ישיבה. דער רבי האט שטארק געגליכן צו דאווענען מיט די בחורים. דער פייערדיגער קול תפלה פון די הונדערטער בחורי חמד תלמידי הישיבה, האט אים שטארק געפאלן, און ער האט כסדר געזוכט צו קומען דאווענען אין די ישיבה צוזאמען מיט די בחורים.

ווען דער רבי האט זיך אויפגעהאלטן אין קרית יואל, האט ער עפ"י רוב געדאווענט שחרית יעדן אינדערפרי אין היכל הישיבה צוזאמען מיט די בחורים תלמידי הישיבה, סיידן עס איז געווען א שמחת ברית מילה אין ביהמ"ד הגדול, וואס דעמאלט האט דער רבי געדאווענט אין ביהמ"ד.

ויום טוב הי' עושה בבואו אל הקודש, איז יעדעס מאל באזונדער וואס דער רבי איז געקומען אין די ישיבה, געווען א באזונדערער זמן שמחה צווישן די בחורים. די בחורים האבן די גאנצע צייט זיך געדרייט ארום דעם רבי'ן, און האבן געזוכט



מכתב נחמה פון הגה"ק רבי מענדעלע מדעעש זצ"ל בעל מעגלי צדק צום קדיו"ט זצ"ל, בהסתלקותו פונעם ייטב לב זצ"ל, ווי ער בעט איס **"בענין התנהגות יהי' עיקר קוטב התנהגות להעמיד תלמידים ולעשות מגדיים תיישים להחזיק ישיבה מבחורים אשר יבואו לחסות תחת כנפיו"**

אריינצוקאפן יעדעס ביסל וואס נאר מעגליך בקרבתו פונעם רבי'ן.

נאכ'ן דאווענען האט זיך געקענט מאכן, אז דער רבי זצ"ל זאל זיך אריינלאזן אין א תורה'דיגן שמועס מיט יבלחט"א בנו הגדול כ"ק מרן רבינו שליט"א, בעת ווען די בחורים האבן שותים געווען בצמא את דבריהם הקדושים.

ביי יעדן ענין וואס האט זיך געמאכט אין די ישיבה, איז דער רבי זצ"ל געווען דער מכריע ווי אזוי מען זאל זיך נוהג זיין. הוראותיו בקודש פונעם רבי'ן זצ"ל איז געווען נר לרגלם פון די חברי הנהלה רוחני פון די ישיבה, ובפרט ביים ראש הישיבה כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, וועלכער איז כסדר געווען במיוחד פארבינדן מיט זיין גרויסען פאטער דער רבי זצ"ל איבער די סדרי הנהגת הישיבה.

## זכותו הגדול יגן עלינו

דאס התקשרות פונעם רבי'ן זצ"ל צו די הייליגע ישיבה, האט זיך אויך כסדר אנגעזען, מיט דעם וואס דער רבי זצ"ל איז כל כולו געווען אריינגעטון צו פארזיכערן די הצלחה פון די ישיבה הק'. דער רבי זצ"ל פלעגט כסדר רעדן צום ציבור, און מאנען פונעם עולם, אז מען זאל זיך משתתף זיין מיט סכומים הגונים להחזקת הישיבה.

מיט זיין דביקות נפלאה אין די ישיבה, האט דער רבי זצ"ל מייחד געווען דער יומא דהילולא פונעם פעטער, דער מייסד הישיבה, מרן רבינו הקוה"ט בעל דברי יואל זי"ע, אז מען זאל אין דעם טאג שטיצן זיין ישיבה, וואס איז דער גולת הכותרת פון אלע זיינע מוסדות, און דער רבי זצ"ל פלעגט אלץ באטאנען, אז מיט דעם וואס מען איז מחזיק די ישיבה ביומא דהילולא מאכט מען די בעסטע הכנה זיך מקשר צו זיין צום צדיק אז מען זאל קענען ארויסגיין צום ציון און אויס'פועל'ן אלעס גוטס.



קבלה פון מרן בעל דברי יואל זי"ע וחתנו הגה"צ מסעמיהאלי זצ"ל, צום ועד העזרה אין ניו יארק, פארן שטיצן די ישיבות אין קראלי און אין סאטמאר

איז דאך זיכער צום האפן, אז דאס זעלבע אצינד ווען מיר גרייטן זיך צו די הילולא קדישא פונעם רבי'ן, דער ברך משה זצ"ל, און מיר ווילן זיך מקשר זיין מיט'ן צדיק, מיר ווילן אים א טובה טוען, מיר ווילן אים פארשאפן א נחת רוח, איז געוויס נישטא קיין בעסערע זאך ווי דאס, אז אין די יעצטיגע טעג זאל מען אויך מחזיק זיין די הייליגע ישיבה, וואס איז געווען זיין שטיק חיות, און וואס ווערט ווייטער געפירט כרצון קדשו אונטער די הדרכה ונשיאות פון בנו הגדול ומחמד עינו להבחל"ח כ"ק מרן רבינו שליט"א. בזכות זה וועט אונז דער רבי אוודאי אינזינען האבן וזכותו הגדול יגן עלינו געהאלפן צו ווערן בכל מילי דמיטב, שפע ברכה והצלחה וכל טוב סלה.

# קול מצהלות חתנים!

בשם רבנן ותלמידיהון, לומדים מופלגים,
תלמידי ישיבה ומתיבתא תורה ויראה דרבינו יואל מ'סאטמאר
הננו בזה לשגר ברכותינו החמות והלבבית מול פני תלמידינו היקרים ה"ה

## שיעור א'

הבה"ח אברהם בן הרב דוד יצחק שליט"א ווערצבערגער - קרית יואל
הבה"ח שמואל ב"ר שלמה יצחק ווייס - קרית יואל
הבה"ח יחיאל אלטר ב"ר משה ברוך פאללאק - וויליאמסבורג
הבה"ח יואל ב"ר מרדכי יעקב יודא מארקאוויטש - וויליאמסבורג
הבה"ח מרדכי ב"ר חיים ווייס - קרית יואל
הבה"ח ישראל דוד ב"ר יעקב סעגעדין - קרית יואל
הבה"ח בערל ב"ר אברהם לייב ליכטמאן - וויליאמסבורג
הבה"ח חיים צבי ב"ר יעקב ווייס - מאנסי
הבה"ח חיים ב"ר ארי' ראטה - קרית יואל
הבה"ח משה ישראל ב"ר בנימין זאב שווארץ - וויליאמסבורג
הבה"ח ישראל ב"ר משה אלי' גרין - וויליאמסבורג
הבה"ח שלמה ב"ר משה אליעזר זאלדאן - מאנטרעאל
הבה"ח נתנאל ב"ר דוד צבי הערשקאוויטש - בארא פארק
הבה"ח שלמה ב"ר חיים יעקב הערשקאוויטש - קרית יואל
הבה"ח אברהם יושע ב"ר הערשל טעלער - וויליאמסבורג
הבה"ח אליעזר ב"ר שלמה לייב וויינבערגער - קרית יואל
הבה"ח משה אהרן ב"ר בצלאל בנימין פרידריך - קרית יואל
הבה"ח קלמן אליעזר ב"ר אלי' שבתי שמעא - קרית יואל
הבה"ח ארי' ב"ר ברוך שלמה וויינבערגער - קרית יואל
הבה"ח יושע ב"ר יוסף ישראל גרינפעלד - קרית יואל
הבה"ח מנחם יוסף ב"ר ישראל ארי' פישער - בארא פארק
הבה"ח שמעון ב"ר ארי' אשר אינדיג - קרית יואל
הבה"ח שלמה ב"ר משה ווערצבערגער - מאנטרעאל
הבה"ח משה אהרן ב"ר מאיר אפרים גראהמאן - קרית יואל
הבה"ח ארי' לייב ב"ר יוסף לעווי - וויליאמסבורג
הבה"ח אלימלך ב"ר בצלאל באש - קרית יואל
הבה"ח משה אלי' ב"ר דוד ליכטענשטיין - קרית יואל
הבה"ח שמואל מרדכי רובינשטיין - וויליאמסבורג
הבה"ח שמואל יודא מנשה ב"ר יוסף שלמה גאלדבערג - אויסטראליע
הבה"ח חיים ב"ר ניסים יוסף דאנא - וויליאמסבורג

## שיעור ב'

הבה"ח שבתי שעפטל ב"ר יעקב יוסף ווייס - בארא פארק
הבה"ח יחזקאל שרגא ב"ר יושע אייזיק יצחק געלבשטיין - ווכו"ס
הבה"ח צבי ב"ר הלל ווייס - קרית יואל
הבה"ח העניך ב"ר חיים אלי' טייטלבוים - קרית יואל
הבה"ח פנחס ארי' ב"ר אהרן יחזקאל לאוב - קרית יואל
הבה"ח הלל ב"ר אהרן מאשקאוויטש - וויליאמסבורג
הבה"ח חנני' יו"ט ליפא יואל ב"ר ירוחם פישל ריספלער - ווכו"ס
הבה"ח דוד ארי' ב"ר חיים לייב גאלדבערגער - קרית יואל
הבה"ח יואל ב"ר מרדכי פאלמאן - וויליאמסבורג
הבה"ח דוד שמואל ב"ר בנציון אהרן ווערצבערגער - וויליאמסבורג
הבה"ח ברוך ליפא ב"ר יצחק אייזיק לעווי - קרית יואל
הבה"ח שאול יחזקאל ב"ר יושע צבי גליק - וויליאמסבורג
הבה"ח שמעון ב"ר טובי' בראך - קרית יואל
הבה"ח חיים ב"ר ישראל וויזנפעלד - בארא פארק
הבה"ח יואל ב"ר חיים העלער - וויליאמסבורג
הבה"ח יואל ב"ר משה הערש בראך - קרית יואל
הבה"ח יצחק אייזיק ב"ר הערשל וויינער - בארא פארק
הבה"ח יצחק ב"ר אשר אנשיל משה גרובער - מאנסי
הבה"ח יואל ב"ר אשר ווייס - קרית יואל
הבה"ח אהרן וואלף ב"ר דוד חיים גראס - בארא פארק
הבה"ח אברהם מרדכי ב"ר חיים הערש קליין - וויליאמסבורג
הבה"ח שמואל ב"ר אברהם שאלילאף - קרית יואל
הבה"ח דוד ב"ר זלמן לייב רובין - קרית יואל
הבה"ח יצחק יושע ב"ר נפתלי צבי הורוויץ - לאנדאן
הבה"ח יוסף ב"ר יעקב אקער - טאהש
הבה"ח אביגדור ב"ר שמואל ראטענבערג - קרית יואל
הבה"ח ישראל מאיר ב"ר חיים ראובן שעהנברון - וויליאמסבורג
הבה"ח יוסף ב"ר אברהם משה ווייס - קרית יואל
הבה"ח משה ב"ר אברהם יעקב דאווידאוויטש - וויליאמסבורג
הבה"ח אשר מרדכי ב"ר ראובן מנחם שווארץ - טאהש
הבה"ח יעקב יצחק ב"ר בערל שטיין - קרית יואל
הבה"ח משה גדלי' ב"ר אהרן מרדכי גלויבער - בארא פארק
הבה"ח מרדכי אפרים פישל ב"ר יוסף ברוך רייך - וויליאמסבורג

הבה"ח אברהם משה ב"ר ישעי' גאטעסמאן - לאנדאן
הבה"ח אלי' אהרן ב"ר מנחם מענדל מיטעלמאן - וויליאמסבורג
הבה"ח נפתלי שמעון ב"ר מענדל גרשון אינדיג - וויליאמסבורג
הבה"ח אשר אנשיל ב"ר צבי אלימלך עקשטיין - וויליאמסבורג
הבה"ח מענדל ב"ר צבי אליעזר וויינבערגער - וויליאמסבורג
הבה"ח משה יושע ב"ר ישעי' מענדל ווייס - אויסטראליע
הבה"ח יוסף ב"ר יצחק ישראל מאסרי - וויליאמסבורג
הבה"ח אליעזר יחזקאל ב"ר שלמה פנחס שווימער - קרית יואל
הבה"ח יוסף יודא ב"ר אברהם אלימלך ווייס - קרית יואל
הבה"ח אלי' ב"ר אהרן שמואל פוקס - קרית יואל
הבה"ח שמואל ב"ר יודא יעקב יוסף שטיין - אנטווערפן
הבה"ח בערל ב"ר אשר זעליג אינדיג - קרית יואל

## שיעור ג'

הבה"ח טובי' ב"ר פנחס בראך - קרית יואל
הבה"ח יודא הערש ב"ר שאול פיש - קרית יואל
הבה"ח ישעי' ב"ר מרדכי צבי אייגנער - בארא פארק
הבה"ח יקותיאל צבי ב"ר יעקב יונתן בלייך - וויליאמסבורג
הבה"ח אהרן יודא ב"ר בערל פאלאטשעק - קרית יואל
הבה"ח קלמן אליעזר ב"ר ארי' דוב קארנבלי - קרית יואל
הבה"ח יושע שמואל ב"ר יעקב הערש ווערטהיימער - וויליאמסבורג
הבה"ח יעקב יואל ב"ר נפתלי שטיינמעץ - וויליאמסבורג
הבה"ח מענדל דוב ב"ר מרדכי יצחק שעכטער - אנטווערפן
הבה"ח יואל יושע ב"ר אלכסנדר גוטמאן - וויליאמסבורג
הבה"ח זלמן יוסף ב"ר אברהם וואלף שניטצלער - וויליאמסבורג
הבה"ח ישראל יודא ב"ר בנציון לעבאוויטש - לאנדאן
הבה"ח שמעלקא ב"ר יצחק אלעזר ליכטמאן - וויליאמסבורג
הבה"ח יחיאל מיכל ב"ר שלום אלי' מארקאוויטש - קרית יואל
הבה"ח חיים ראובן ב"ר יודא ארי' לאוב - קרית יואל
הבה"ח אשר מאיר ב"ר ישראל חיים שטעסל - קרית יואל
הבה"ח מענדל ראובן ב"ר פסח ראטה - בני ברק
הבה"ח אברהם יצחק ב"ר יושע ישכר דוב וויינבערגער - לאנדאן
הבה"ח אליעזר זוסמאן ב"ר ישראל יעקב סופר - קרית יואל
הבה"ח יואל ב"ר נפתלי הירצקא קאהן - קרית יואל
הבה"ח משה ב"ר יעקב ישראל פריינד - קרית יואל

## לרגל שמחת אירוסיהם בשעה טובה ומוצלחת

### במשך זמן החורף תשע"א העעל"ט

משמים ישפע שפע ברוח עוז וגבורה — טללי אורות והשפעות טהורות בתדירה
זוכה לתורה להמשיך בלימודו בעוז ותפארה — ויגן עליו להעמיד בנים ובני בנים עוסקים בתורה
לשמוע קול מצהלות חתנים בשמחה ורנה — בבנין הבית בשכלולה וקיבוץ שה פזורה

הנהלת הישיבה



